STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02507

YALKUT YEHUDAH

Y. L. Lazerov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ילקוט יהודה

אַ זאַמלונג פון פערל, פון ספרים און אייגענע

אויף תורה נביאים וכתובים, עין יעקב
און מדרשים

אן אוצר פון משלים, ווערטלעך, צחות,
פתגמים ומכתמים

פינפטער באַנד

געזאמעלט פאר צענדליגע יאהרען

— פון —

הרב יהודה ליב לאַזעראָוו

„פרדס" פובלישינג הויז, אינק.
י. ז. בוכבינדער, פרעז.
27 קאנאל סטריט
ניו יארק

ת ר צ " ד

Copyright 1933, by
RABBI L. LAZEROW

Printed in the U. S. A.
POSY-SHOULSON PRESS
3 Sherman Avenue, Jersey City, N. J.

ראש השנה

קליינע זיינען גרויסע

אשרי הדור שהגדולים נשמעין לקטנים.
(ראה השנה הי).

גליקלעך איז דער דור, דאָס די גרויסע ווערען געהערט צו די קליינע, די בעלי בתים פאָלגען זייערע גדולים. טיעפער צו פאַרשטעהען. די גאונים מיט אַ דור צוריק, האָבען זיך אונטערגעסיינט יעדער „אנכי הקטן", די גרעסטע האָבען זיך גערופען קטנים, די קלענסטע הייסט זיינען גאונים, רב הכולל'ס דריי רבנים אין שטאָט, יעדער סיינט זיך רב הכולל, „אשרי הדור", גליקלעך איז דער דור, שהגדולים, אַז די גדולים טאקע, „נשמעין" ווערען געהערט „לקטנים" די גרעסטע גדולים רופען זיך קטנים. פון הן פאַרשטעהט מען לאוו, אומגליקליך איז דער דור, אַז — די קטנים, די קליינע מוחות, די אמת'ע קטנים, ברעקעלעך — ווערען געהערט פאַר גדולים...

אשרי הדור גליקליך איז דער דור שהגדולים דאָס גאָר די גרויסע נשמעין לקטנים.

עלטערען זייט פאַרזיכטיג

מ״מ אין אומרים שירה (הלל) בראש השנה אפשר מלך
יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחין
לפניו, והם אומרים שירה.
(ראש השנה ט״ז).

פרעגען אַלע — צו וואָס דאַרף מען האָבען די ספרי מתים? דאָס איז אַזוי. ווען איינער שטעהט אין שוהל, אַ האַנט אָנגעשפּאַרט אין זייט, און זאָגט די גרייזען, וואָס ער זאָגט, און ווען אין הימעל דערלאַנגט מען די תפילה זיינע, די שעהנע, מיט זיינע ליבע גרייזען, הויבט מען אויף זיין געשטאָרבענעם טאַטען, מיט זיין מאַמען, און מען פרעגט זיי, אָט אַזאַ גוטען ערציהונג האָט איהר איהם געגעבען?

אַלזאָ! ווען מען דאַרף עפענען די ספרי חיים, מוז מען אויך עפענען די ספרי מתים... אַזאַ איבערקערעניש, טהוט זיך אין דער הויך. ספרי חיים מוז מען האָבען אויך די ספרי מתים, און זיי זאָלען נאָך זאָגען שירה?

לעבען, ערגער ווי געשטאָרבען

מ״מ אין אומרים וכו׳ ספרי חיים וספרי מתים.

עס איז ניט קיין ספרי מתים צו עפענען, נאָר — דאָס געהט אַלץ אויף ספרי חיים, די ספרי חיים, איז ווי ספרי מתים... אַלץ הייסט געלעבט. עס איז דאָ אַ לעבן וואָס יענער ווינשט זיך דעם טויט, ספרי חיים, וואָס זיינען „ספרי מתים״ און איהר ווילט זאָגן שירה (הלל).

אַ געפּאַקטע שול — אָבער...

מ"מ אין אומרים וכו' ספרי חיים וספרי מתים.

נאָך דער מלחמה, דער חיל קומט אין שטאָט אריין, די מיוזיק שפּילט, מען פרייט זיך מיט זיי, די מחנה, דאָס פאָלק איז פול. אין די הייזער איז אַ קליינע שמחה, ווייל זיי זיינען פוסט, דעם פאָלק האָט מען פול געמאַכט איצט. די שוהלען איז אמת פול, אַזוי ווי פאַר יאָהרען, אָבער ווי פיעלע פאַמי־ליעס בלוטעט די אויגען: דעם פעלט דער טאַטע, דעם די מאַמע. מלאכים, איהר זעהט נאָר דעם פאַראַד, אָנגעפּאַקטע שוהל — איהר זעהט נאָר די לעבעדיגע. איך זעה די טויטע פון היינטיגען יאָהר, וואָס וועלען פעלען. איהר זעהט נאָר „ספרי חיים", איך זעה אָבער ביידע, „ספרי חיים וספרי מתים" „פתוחין לפני" פאַר מיר זיינען ביידע אָפען, „פתוחין לפני" וויל איך נישט הערען „שירה".

אַ גליק, אַז עס פאַלט שבת ר"ה

יו"ט של ר"ה שחל להיות בשבת.

די גמרא זאָגט ניט ר"ה שחל בשבת, ר"ה פאַלט אום שבת, נאָר — „יום טוב של ר"ה שחל להיות בשבת"? — זאָגט ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, אַז עס געפאַלט ר"ה אום שבת, איז טאַקע אַ גוטער סימן, איין אמת'ער יום טוב. „יום טוב" איין ריכטיגער „יום טוב" איז של ר"ה פון דעם ר"ה „שחל להיות בשבת", אַז עס געפאַלט אום שבת, ווייל שבת טאָר מען ניט שרייבן, סיידען מציל צו זיין נפשות, מעג מען שריי־בען. פקוח נפש דוחה שבת. אַלזאָ פאַרשטעהט מען, אַז

יום טוב של ר"ה שחל להיות בשבת, איז גוט. װערט דער ר"ה אָנגערופען אַ גוטער יום טוב, װייל ער מוז שרייבען אַ גוטען יאָהר.

דער גביר און איך ערב יום כפור

ערב יום כפור, איז אַריין צו מיר אַ גביר אַדיר, ער האָט געדאַרפט מיר עטװאָס פרעגען. ער האָט מיר געטראָפען זעהר פרעהליך. סטייטש, זאָגט ער, ערב יום כפור? זאָג איך איהם, זאָגט מיר, װי פיעל דאַרפט איהר פאַרדינען היינטיגען יאָהר? — זאָגט ער מיר, אַ האַלבען מיליאָן דאָלער, װעל איך האָבען ריכטיג דורך צו קומען...

איצט הערט מיר, איך דאַרף האָבען פינף טויזענט טאָ־לער פאַרן גאַנצען יאָהר. דיינק איך, אַז מיט איין קרים צו נעילה, װעל איך עס האָבען... װעט גאָט מיר געבען, איהר דאַרפט אַ האַלבען מיליאָן. אַזאַ פאַרמעגען ציהען פון איהם, דאַרפט איהר זיך אָנהויבען קרימען פון היינט אָן, און ביז נאָך נעילה, דאַרפט איהר זיין פאַרקרימט, פאַר פאַרלאַנגען אַזאַ אוצר...

מיעד פון געהן צו תשליך

אייניקעל — זיידע, פאַרװאָס זייט איהר אַזוי מיד און מאַט, זאָגט מיר זיידע?

זיידע — איך בין געגאַנגען צופיעל צו תשליך, מיין קינד, בין איך מיעד געװאָרען.

אייניקעל — אַזוי ווייט איז דער טייך פון אייך, זיידע, איך ווייס אַז עס איז נאָהענט.

זיידע — ניין מיין קינד, דער טייך איז ניט ווייט, נאָר איך בין געגאַנגען צו תשליך שוין ניינציק מאָהל, בין איך מיעד געוואָרען...

אלול איז ער פרימער

פרוי (צום מאַן): אַז דו האָסט שוין יאָ אַנגעצונדען דעם געז אום שבת, האָסטו דאָך געקענט מאַכען אַ גרעסערען פייער?

מאַן: פארשטעהסטו מיך, אַז עס איז איצט ראש חדש אלול, דאַרף מען ווערען פרומער און מאַכען אַ קלענערען פייער אום שבת.

דער מוסר פון יום כפור

וואָס פאַר אַ הייליגער מוסר ספר יום כפור איז. ער שלאָגט כפרות, ער שלאָגט מלקות, ער שלאָגט זיך בערך אַכט הונדערט קלעפּ אין הארצען, ער טהוט תשובה, ער האָט חרטה, ער בעט און וויינט פאַר גאָט ב"ה, ער זאָל איהם פארגעבען אלע זיינע פעהלערען, ער נעהמט אויף זיך ער זאָל זיך בעסערען אין דעם קומענדען יאָהר, מעהר ווי אַ „מעת לעת" (אַ מעסלעס) פאַסט ער. אַ גאַנצער מוסר ספר דעם יום כפור.

דער צמח צדק זאָגט אָן די ווייבער

איך האָב געזעהן וועגען צמח צדק זצ"ל, ווען ער איז געגאנגען מיט'ן טלית און קיטעל צו כל נדרי האָט ער זיך גע־קעהרט צו די פרויען און געזאָגט: ווייבעלאך, איהר זאָלט ניט פארגעסען אוים צו בעטען פון הימעל אַ יאָהר פון פרנסה. —ווייל אין זיינע אויגען איז עס דער ענין פון פרנסה געווען צו פראָסט צו בעטען פאר איהם.

אַ אידענע נעהמט אַראָפּ דעם קטרוג

אַמאָהל איז געווען אַ קטרוג גדול ביי פמליא של מעלה, זיינען גראדע געגאנגען צוויי ווייבער מיט זייער סליחה אין האַנט. זאָגט איין אידענע צו די צווייטע: מיר דוכט אז מיר האָבען אויסגעבעטען אַ יאָהר פון פרנסה. זאָגט די צווייטע: געוויס, געוויס, אויב מען וואָלט אַזוי געבעטען אפילו ביי אַ גזלן, אזוי ווי מיר האָבען געבעטען ביי איהם, וואָלטען אויך אוים געבעטען. דער צמח צדק האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט מיט שמחה, אָט די ווערטער פון דער אידענע, האָט אַראָפּ גענומען דעם קטרוג.

מיר מאַכען אַ לעבען ניט בכבוד

ונוטל כבוד מבית חיינו.

(פייטן).

דער פייטן זאָגט, דאָס וואָס מיר מאַכען אַ לעבען היינ־טיגע צייט, איז ניט בכבוד. עס איז צוגענומען געוואָרען דער

כבוד „מבית חיינו”, פון דער הויז אונזערע, פון וואָס מיר מאַכען אַ לעבען, אין אַמעריקא, אין שאַפּ, אין פעקטאָרי, אין סטאָר, אָהן כבוד, נאָר מיט חלול שבת, און אַלע שמוציגע עבירות, אַבי צו מאַכען אַ לעבען. הכלל — ונוטל כבוד, אַראָפּ דער כבוד „מבית חיינו”, פון אונזער לעבען מאַכען.

קויפט אַ טריין טיקעט
(ימים נוראים)

איך בין אַמאָהל געפאָרען פון ווארשע נאָך פעטערבורג. מיר זיינען אָפּגעפאָהרען אַ סטאַנציע, הערען מיר אַ טומעל אין וואַגאָן. מען האָט געפונען אַ אידען אונטערן באַנק. ביי דער סטאַנציע האָט מען איהם אַראָפּ געפיהרט. ער האָט באַצאָהלט דאָפּעלט. קיין פּאספּאָרט האָט ער ניט געהאט, און מען האָט איהם געשיקט מיט'ן עטאַפּ.

ברידער, עס ענדיגט זיך באַלד דער טיקעט וואָס מיר האָבען געקראָגען פאר אַ יאָהרען, דורך צו פאָהרען די צוועלף סטאַנציעס, אין דעם וועלט טריין, אייזענבאַהן, די צוועלף מאָנאַטען. איינער פאָהרט דריטען קלאַס, און ער האָט ניט געהאַט אפילו זיך אָנצושפּארען ערגעץ-וואו אַ דרימעל צו טאָהן, און איינער אין צווייטען, אָדער גאָר אין ערשטען. ווער עס ווערט צוטרייסעלט, און ווער בהרחבה, וועמען עס ווערט אַראָפּגענומען זיין פּרוי, אָדער אַ קינד ח"ו, אין מיטען פאָהרען, ווער עס האָט ניט קיין טיקעט ווייטער צו פאָהרען.

זעהט ברידער, מיר זאָלען זיך איינקופיען טיקעטס פאר דער גאנצער פאַמיליע. דער פּרייז פון יעדען טיקעט איז דריי דאלאר — צום, קול, ממון. זאָלען מיר טרייען קריגען דעם טיקעט אויף אלע צוועלף סטאַנציעס, און מיר זאָלען פאָהרען

רוהיג, ביז דער גרויסער סטאַנציע איבער אַ יאָהר ראש השנה. און פיליכט קענען מיר אויסבעטען מיט אַ פולמאַן קאַר, אויף ווייכערע בענק, אָהן זאָרג, אָהן קלעמעניש פון פרנסה, וואו אין די פולמאַן קארס איז פאַראַן דער שעהנער דיינינג רום...

סלח לגוי

סלח לגוי — פארגיב דעם גוי — ווען ער ווייס אז ער איז אַ גוי. אָבער דער גוי וואָס האַלט זיך פאר אַ צדיק איז שלעכט.

כפרות

אויב די העגער האָבען נאָך ביז היינט ניט רעוואָל־טירט, אָדער כאָטש ניט ארוים אין אַ סטרייק, דאַן האָבען זיי מעהר ניט פארדינט, ווי שלאָגען מיט זיי כפרות.

אדם יסודו מעפר

„אדם יסודו מעפר וסופו לעפר", —און אין דער צוויי־שען צייט, גיט ער זיך אויך אַ וואַלגער אויף אַ סמעטניק.

אויך אַ בלאָף

לשנה הבאה בירושלים. אויך דאָס איז אַ בלאָף. ווע־מען ווילט איהר איינרעדען, אז איהר ווילט בעסער זיין אין ירושלים און בעטען נדבות פון ניו יאָרק, איידער זיין אין ניו יאָרק און שיקען נדבות נאָך ירושלים

יום כפור

יום כפור טאָר מען זיך ניט אָרומוואַשען. ליידער זיינען ביי אונז פאַראַן אידען און אידענעס וואָס האַלטען יום כפור אַ גאַנץ יאָהר.

יום כפור תפלה

„וגזירות טובות". אָרימע אידעלאך! גוטע גזירות בעטען זיי ביי גאָט. צו בעטען גאָט ער זאָל זיי אין גאַנצען באַ־פרייען פון גזירות האָבען זיי קיין נערוו ניט.

יום כפור

ביי היינטיגע צייט יום כפור, איז דאָס אַן אמת'ער פאָלקס יום טוב.

כפרות

כפרות שלאָגען מיר מיט די קרעהער. יאָ, יאָ, אַזוי איז ביי אונז אידען, אַז מיר שלאָגען כפרות מיט אונזערע קרעהער, אונזערע וועקער, אימער אַזוי.

כבוד אב

„כרחם אב על בנים" בעטען מיר ביי גאָט. גאָטעניו, האָב רחמנות אויף אונז ווי אַ פאָטער אויף זיין זוהן, אָבער ניט הס ושלום ווי אַ זוהן האָט רחמנות אויף זיין פאָטער.

קשיות

יונגער מאַן (צום רב): רבי, פאַרוואָס טאָר מען ניט עסען יום כפור? איך וויל וויסען.

רב: ווייל די תורה שרייבט פאר עסען יום כפור קען מען שטאַרבען. זיי פאַרזיכטיג מיין זוהן.

יונגער מאַן: רבי! שוין צעהן יום כפור'ם אַז איך עס און לעב, בין איך דאָך ניט געשטאָרבען.

רב: נו, אַז דו וועסט ביי דעם עלפטען מאָהל עסען יום כפור יאָ שטאַרבען וועסטו זיין צו פרידען?

וואָס קומט איהם

מייער: וואָס קומט אַ אידען פאר ארבייטען ראש השנה, זאָג מיר מיין טייערער.

זרח: חוץ זיין הימעלשען עונש, קומט איהם פאר צוויי טאָג ווייזדושעס.

דענקט פאַלש

יעדער איינער דענקט, אַז דער טאָג פון רעכענונג וועט אָפּגעלייגט ווערען אין זיין פאַל.

לינקע דרכים

ווען אַ מאַן איז שוין צו אַלט צו געהן אין „לינקע דרכים", נעהמט ער זיך אויפ'ן רעכטען וועג.

כפרות

דער פארדרוס דערביי איז, וואָס ס׳רוב שוואַרצע הע־נער בלייבען לעבען, און די ווייסע, רויטע, געלע, ווערען גע־באַך די כפרה.

בראש השנה

„בראש השנה יכתבון״, ראש השנה שרייבט מען, רע־כענט מען, חשבון׳ט מען אין אַ סך שוהלען וואָס ווערען מגייר פון דענסינג האַללס, ספּעציעל פאר די ימים נוראים.

דאַרף מען מגידים?

דאַרף מען אין אמעריקא מגידים, מען ווערט דאָך ניט פרימער? — האָט איינער געפרעגט. מיין אַנטוואָרט איז: צו וואָס דאַרף אַ ניגער אַ שפּיגעל אין זיין הויז, ער איז דאָך סיי ווי סיי שוואַרץ.

וחותם יד כל אדם בו

„וחותם יד כל אדם בו״, אזוי פיעל גוטע יאָהרען אויף אונז אַלעמען, ווי פיעל גרויסע אַלרייטניקעס עס זיינען דאָ, וואָס קענען זיך ניט אונטערשרייבען.

היום הרת עולם

די וועלט איז איצט אויפ׳ן בראָך־שטוהל, איהרע וועהען שפּאַלטען די הימלען, דאָס קינד געהט ניט מיט׳ן קאָפּ. גאָט דערבאַרעם זיך.

ובכן תן פחדך

„ובכן תן פחדך”, מיר האָבען פחד גענוג, און נאָך מעהר ווי גענוג. וואָס אונז פעהלט איז אַביסעלע מוטה.

כחומר ביד היוצר

די בעקערס טייטשען דעם „כחומר ביד היוצר” ווי טייג אין די האַנט פון ברויט טראָסט, וויל ער מאַכט ער דאָס ברויטעל קליין, וויל ער מאַכט ער עס נאָך קלענער...

כפרות און תשליך

ניט אומזיסט זיינען מיר אזוי זינדיג. מיר געהען צו תשליך, און עסען דערנאָך אויף די פיש; מיר שלאָגען כפרות, און עסען אויף דעם האָן.

מיר זינדיגען

מיר זינדיגען מיט די הענט, מיט די פיס, מיט'ן קאָפּ, מיט די אויגען, און שלאָגען שלאָגט מען די הארץ, ווייל זי קען ניט געבען צוריק.

בעסער גיב אַ גוט יאָהר

ר' לוי יצחק, דער קדוש וטהור, צדיק יסוד עולם, גאון מפורסם, האָט געזאָגט אויף דעם פיוט „ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת”, רבש"ע, אויב „ויכון בחסד כסאך”, אז דו וועסט געהען מיט חסד ביי דעם יום הדין, אין וועלכען דו זיצט אויף דעם „כסא הדין והמשפט”, וועסטו זיך מיט דיינע קינדער באַ-

געהן מיט חסד, דאַן „ותשב עליו באמת", וועט זיין דיין זיצען אויף דיין שטול באמת, אַ דבר המתקיים. אויב ניט ח"ו — וועט דיין זיצען ניט זיין אַ דבר המתקיים, ווייל עס וועלען קו־מען די צדיקים און מבטל זיין די גזירה, „הקב"ה גוזר גזירה וצדיק מבטלה".

ר' לוי יצחק טייטשט ונתנה תוקף

עס ווערט דערצעהלט פון איהם, דען אַמאָהל, האָט ער ממליץ טוב געוועזן אויף די אידען, מיט דעם „ונתנה תוקף", האָט ער אזוי געזאָגט: זעה דאָך רבש"ע דעם אונטערשייד פון דיינע אידען צו די גוים, דען די אומות העולם וואָס טוהען זיי ראש השנה, — „בראש השנה יכתבון", זיי שרייבען אום ראש השנה, „וביום צום כפור יחתמון", אום יום כפור חתמנ'ען זיי, און זיינען מחלל דעם „שבת שבתון". „כמה יעברון", וויפיעל נשים מאַכען זיי מעוברת אין די הייליגע טעג, „וכמה יבראון", און וויפיעל ממזירים באַשאַפען זיי אין די הייליגע טעג, דאַדורך פרעג איך דיר, רבש"ע, מי יחיה, ווער דארף לעבען, ומי וכו'.

געהן ניט צו תשליך

די וואָס האָבען פארבראַכט דעם זומער ביי די ברעג־געס פון ים, געהען ניט צו תשליך, ווייל זיי ווייסען אז ביים וואַסער קען מען זינדיגען, מעהר ווי איבעראל.

יום כפורים און פורים

מיר האָבען אַ סך, די וועלכע ווילען ניט פאַסטען יום כפורים, און דאָך די זעלבע מאַכען אַ גוטען שנאַפּס, און פאַרבייסען מיט אַ המן טאַש, אום פורים.

וואַרשעווער באַרעבאַן

אַ קליין שטעדטעלדיגער איז געקומען אין ווארשא, האָט ער געהערט מען קלאַפּט מיט אַ באַראַבאַן (דראם) אז עס קען זיך הערען אין גאנצען שטאָדט, פרעגט ער וואָס איז דאָס. האָט מען איהם דערצעהלט, דאָס איז אַ פייער אין שטאָדט.

ער איז אַוועק און געקויפט אַ באַרעבאַן, געבראַכט אין זיין שטעדטעל, און האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס איז אַ סגולה ווען עס ברענט, דאַרף מען קלאַפּען און דער פייער ווערט פאַרלאָשען.

אין דער זעלבער וואָך, איז ארוים אַ פייער, אויף אַ הויז, און זיי האָבען זיך באַלד צוזאמען געקליבען ארום דעם באַרעבאַן און געקלאַפּט, אָבער דער פייער געהט זיך פאַרווערטס. אַ קלוגער מענש איז צוגעלאָפען: שוטים, פּראים, משוגעים, דער באַרעבאַן איז נאָר אויפצואוועקען פון שלאָף, אלע זאָלען אויפשטעהן און געהן צום פייער, אויסלעשען, אָבער ניט ווי איהר משוגעים, מיט'ן קלאַפּען, וואַסער גיסט.

דער נמשל איז גענוג דייטליך פאר די וואָס קלאַפּען אין באַרעבאַן, אין הארצען, און טהוען קיין תשובה.

הקדוש ר׳ לוי יצחק רעדט צו גאָט יום כפור

ר׳ לוי יצחק איז געשטאַנען יום כפור און געזאָגט צו גאָט: רבש״ע מ׳זאָגט אויף דיר אז דו ביזט אַ בעל מעלות, אַ בעל מדות, מ׳זאָגט אויף דיר, „לך ד׳ הצדקה, הגדולה, הגבורה, התפארת, הנצח וההוד״ און נאָך און נאָך, און אלעס איז אמת, רבש״ע. איין זאך דארפסטו זיך אויסלערנען, צו שרייבען אַ גוט יאָהר, און אַ גוטען צעטעל.

דער צדיק ר׳ לוי יצחק ראש השנה פאר שמונה עשרה פון חזרת הש״ץ

רבש״ע, מה לך ישראל, „דבר״, צו וועמען רעדסטו? — „אל בני ישראל״. „אמור״, צו וועמען זאָגסטו? — „אל בני ישראל״. צו וועמען געבידסטו? — „אל בני ישראל״. „כה תברכו״, וועמען הייסטו בענשען? — „את בני ישראל״. אי־בער דעם פרעג איך דיר „מה לך אצל ישראל״? הלא יש לך כמה כשדים, פרסיים, ישמעאלים, מדינים, מה לך אצל ישראל? אלא מאי, מוז איך דאָך זאָגען, אז חביבין עליך ישראל שנקראו בנים למקום.

יזכור

מיר בעטען פון גאָט, יזכור אלקים את נשמת פב״פ, גאָט ב״ה ענטפערט ער וועט געווים גערדיינקען, איך וועל גע־ווים דערמאָנען, אָבער מיינע טייערע, איך זאָג אויך יזכור,

איהר זאָלט געדיינקען, יזכור חיים׳קע, געדיינקסטו דעם שבת, געדיינקסטו דיינע תפילין, געדיינקסטו דאָס וואָס דיינע עלטע־רען האָבען יאָ געדיינקט, איהר דעמאָנט מיר איך זאָל גע־דיינקען , איך דערמאָן אייך געדיינקט מיינע קינדער, ווי איי־ערע עלטערען זיינען געווען, געדיינקט איהר, אז זיי האָבען אייך געלערענט, געדיינקט איהר וועל איך געווים געדיינקען.

יזכור

קינדערלאך, איהר וויינט אויף אייערע עלטערען וועל־כע זיינען טויט. ניין קינדערלאך, אייערע עלטערען זיינען ניט טויט, זיי זיינען געווען צדיקים, און צדיקים ווערען גערופען לעבעדיגע. איהר דארפט וויינען אויף אייערע לעבעדיגע קינ־דער, וואָס זיי ווערען גערופען טויטע.

יזכור

יזכור איז אַ מנהג צו דערמאָהנען די עלטערען, אלע גע־שטאָרבענע כדי צו דערמאָנען זיך זייערע טהאַטען, די גוטע, זייער צדקה, זייער אמונה אין גאָט און צו געהן אין זייערע וועגען.

אויף מיר זאָגסטו

ר׳ לייבעלע פאַסוועלער איז געשטאַנען יום הכפורים איינגעבויגען און זיך מתודה געווען אין על חטא. הינטער איהם

איז אויך געשטאַנען איינער און האָט אויך געדאווענט, און נישט ווילענדיג האָט יענער ארויף געלייגט דעם מחזור אויף זיין רוקען. ווען ער האָט געענדיגט זיין תפלה, האָט ער געזאָגט צו איהם, ר׳ איד, אַ שטיקעל עולה פון אייך, איהר האָט געזינדיגט און איהר זאָגט אויף מיר.

יתום און שטיף מאַמע

(יום כפור צו מעורר זיין)

א גרויסער גביר, אן חשוב׳ער מענש, און אזוי אויך זיין פרוי. זיי האָבען פאַרמאָגט איין קינד, א גוטער קינד. צו זיין צוועלפטען יאָהר, איז זיין מוטער קראנק געוואָרען, ווען זי האָט געשפּירט אַז איהרע מינוטען זיינען געצעהלטע, האָט זי צוגערופען איהר איינציגען קינד, און איהם געזאָגט: מיין קינד, איך מוז דיר איבערלאָזען, איך שטאַרב. אָט אין דעם חדר וואו איך ליג איצט, און דו שטעהסט ביי מיין טויטען בעט, ווען דיר וועט זיין ח״ו שלעכט, זאָלסטו אין דעם חדר, וואו דו געזעגענסט זיך מיט דיין מאַמען, מיין איינציגער קינד, אויסגיסען דיינע ליידען, פיליכט וועל איך דיר קענען העלפען פון הימעל.

זי איז געשטאָרבען. די וועלט פיהרט זיך נאָך איהר מנהג, דאָס אַ טויטען פארגעסט מען. אין אַ האלב יאָהר ארום האָט דער מאן גענומען אַ יפת תואר, אָבער אַ שלעכטע, אַ מרשעת. זי האָט דעם קינד געשלאָגען מכת רצח, איהם גע־פיהרט בזוי׳דיג, עסען האָט ער ניט געקראָגען, זי האָט נאָר גע־צערטעלט איהרע צוויי קינדער, וועלכע זי האָט אריינגעבראכט. דער גביר פלעגט אַוועק פאָהרען ר״ח כסלו און קומען ניסן. אַוועק אין חדש סיון און קומען אויף ר״ה צוליעב זיינע גע־

שעפּטען. ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער ברייגנען פּרע־זענטען פאַר איהר און פאַר איהרע קינדער און אויך פאַר זיין קינד דעם יתום.

ווען ער איז געקומען האָט זי איהם דערצעהלט, דאָס זיין קינד איז ניט גוט, ער האָט אַ גרויסען מויל, ער שלעפּט זיך ארום מיט טרעמפּס. דער פאָטער האָט איהם געזידעלט, און זיין פאַרטיידיגונג האָט ניט געהאָלפען, און אלע טאָג האָט זי דערצעהלט שקרים, ביז דער פאָטער האָט איהם פאַרהאַסט. דאַן איז געווען פאַר איהר פריי דער וועג צו פּלאָגען דעם קינד.

איינמאָהל, ווען דער גביר איז געקומען פון דער רייזע, איז ער צוגעקומען מיט אַלעמען צו גלייך צו נעהמען די פּרע־זענטען, און ווען זיין קינד האָט איהם געזאָגט פּאַפּאַ, וואו איז פאַר מיר? האָט ער אויסגעשריהען, אַוועק דו, איך האַלט דיך ניט מעהר פאַר אַ קינד, פאַר דיר האָב איך ניט קיין פּרע־זענט געבראַכט, נאָר פאַר די גוטע קינדער.

פאַר גרויס צער, איז ער אריינגעקומען אין דעם חדר וואו זיין מוטער האָט איהם געהייסען אריינקומען, און איצט האָט ער זיך דערמאָנט ווי גוט איהם איז געווען, אז זיין מוטער האָט געלעבט, און ווי שלעכט איהם איז איצט, האָט ער יאָ־מערליך געוויינט: מוטער, מוטער, ווען דו שטעהסט אויף פון דיין קבר, און דו וואָלסט אַ קוק געטאָהן אויף דיין קינד, ניט געגוג וואָס מיר איז פינסטער און ביטער, ווייל די שטיף מאַמע רייסט פון מיר שטיקער פלייש, עסען גיט זי מיר ווי דעם הונט. חוץ די אלע צרות האָט זי מיט איהרע ליגענס, געמאַכט אַז מיין פאָטער האָט מיר פאַרהאַסט. מאַמע, ווען דו וואָלסט געקענט זעהן, ווי ער באַהאַנדעלט מיר, ער האָט געבראַכט פּרעזענטען פאַר איהרע קינדער, אפילו פאַר די דינסטען, און אז איך בין צו געגאַנגען צו איהם פרעגען, פּאַפּאַ, וואו איז פאַר מיר? האָט ער אַ געשריי געטאָהן, אוועק פון מיר, דו ביזט ניט מעהר מיין קינד.

דעם נמשל קורץ:

דער גביר, דער מלך מלכי המלכים, מיר זיינען געווען דער באליעבטער קינד זיינער, דער „בני בכורי ישראל" פון אלע אומות, געגעבען אונז די תורה, ארץ ישראל, אונזער מוטער איז אוועק גענומען געוואָרען פון אונז, האָט זי אונז אָנגעזאָגט, זיי וויסען מיין קינד ישראל, איך געה פון דיר אוועק, דו וועסט אָנקומען צו אַ שטיף מאַמע, אומעטום וועסטו אַ שטיף קינד זיין, נאָר אז דיר וועט ווערען שלעכט, זאָלסטו אריינקומען אין גאָטעס הויז און עפענען דעם ארון הקודש, דו זאָלסט אַביסעל זיך קענען אויסוויינען.

ישראל האָט דערלעבט זעהען מיט זיינע אויגען, ווי יום כפור ווערט געבראכט פרעזענטען צו אלע שטיף קינדער, נייע גאָר נייע מלוכות, און ישראל קריגט גאָר ניט, אזוי ווי מען וואָלט אונז אָפגעשטויסען, אזוי ווי מיט דעם פאָטערס האַנט, אוועק פון מיר, היינט איז יום כפור, היינט איז דער טאָג, וואָס אונזער פאָטער קומט צו אונז, לאָמיר זיך אויס-וויינען ביי דעם אָפענעם ארון קודש, פרעגט איהם ווי לאנג וועלען מיר זיין שטיף קינדער.

דער ווייסער קיטעל
(ימים נוראים)

דער ווייסער קיטעל, קען ניט ווייס מאַכען די שוואַרצע האַרץ, די האַרץ דאַרף מען רייניגען מיט וואסער, „עיני עיני יורדה מים" און דערצו זיך גוט איינפוידערען מיט צום, קול, ממון.

ווערט א סובסקרייבער
(פאר ראש השנה)

איך גיב אַן עצה און פאָלגט מיין עצה טובה, אַט איצט אין דער צייט ווערט ארויסגעגעבען זעהר אַ טייערען ספר, ער איז אין דרוק, זעהט ווערט אַ סובסקרייבער פאר דעם ספר, ער הייסט ספר החיים.

דער שופר פון ר״ח אלול, דעם צווייטען טאָג, האָט אָנגעהויבען אָנצוזאָגען אייך אַלע טאָג און בעט אייך, זעהט צאָהלט איין דריי דאלער קריגט איהר אויף אייער נאָמען ארייגעשיקט דעם ספר החיים. די דריי דאָלאר זיינען: — ותשובה, ותפלה וצדקה. זעהט ווערט אַ סובסקרייבער.

בלומען

רייניג דיין פעלד פון מיסטיגע גרעזער, און די שמעקעדיגע בלומען וועלען שוין אליין ארויסוואקסען.

שלעכטע זיטען

זיך אָפּגעוואוינען פון שלעכטע זיטען, איז גלייכער און לייכטער היינט ווי מאָרגען.

ווי אַ האָן אין בני אדם

די וועלט זאָגט, ער קוקט ווי אַ האָן אין בני אדם, וואָס מיינט עס? דער האָן האָט אויף ריכטיג געבילדעט די וועלט, ער האָט אויף געוועקט דעם רב פון שלאָף צו לערנען מיט זיין קרייהען, דעם דאָקטאָר, דעם אַדוואָקאַט (לאָיער). מיט

זיין קרייהען האָט מען געוואוסט ווען די צייט איז אויפצושטעהן. דעריבער מאַכען מיר אַ ברכה „הנותן לשכוי בנה, להבחין בין יום ובין לילה", איך דאַנק דיר גאָט ב"ה וואָס דו האָסט געגעבען דעם האָן פאַרשטאַנד, מבחין צו זיין פון טאָג צו נאַכט, ווען עס דאַרף טאָג ווערען, און נאַכט ווערען. דער האָן וואָס האָט די וועלט געבילדעט (איידער דער זייגער איז ערפונדען געוואָרען) האָט מען געדאַרפט טייער האַלטען. און צום ענדע, אַז עס קומט ערב יום כפור, שלאָגט מען מיט איהם כפרות, און דער מענש זאָגט, „בני אדם יושבי חושך וצלמות" פאַר דעם כפרות שלאָגען. דעם האָן האַלט ער אין האַנט, ווען ער זאָגט דעם בני אדם, קוקט דער האָן אין בני אדם און זאָגט צו זיך, אַ חוצפה פון דיר פאַסקודנער זינדיגער, דו האָסט אַ גאַנץ יאָהר געזינדיגט און מיט מיר שלאָגסטו כפרות.

המוציא מיט האָניג

איינער האָט געלאַכט פון דעם מנהג, אז פון ראש השנה ביז נאָך הושענה רבה, באַשמירט מען די „המוציא" מיט האָניג, און דער זעלבער חברה מאַן האָט שוין אָנגעזעצט אייניגע מאָהל. האָב איך געזאָגט צו איהם, שוטה, אַלץ איז דאָך בעסער „המוציא מיט האָניג", ווי „המוציא מחבירו".

סליחה ומחילה וכפרה
(לימים נוראים)

וואָס הייסט סליחה, בקשת הסליחה מיין איך. דער שטייגער פון דער וועלט, אַ מענש וואָס זאָל האָבען געזינדיגט אַנטקעגען דעם מלך, זעהט ער מיט אַלע מעגליכקייט איבער צו בעטען דעם מלך, נאָר דער מענש קען ניט קומען

ביז דעם כסא המלך, דער מלך וויל איהם ניט זעהן, שיקט ער אַ גוטען אַדוואָקאַט (לאָיער) וועלכער קען צוטרעטען אין די הויכע פענסטער. דעריבער ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָבען מיר געשיקט דעם כהן גדול. און זאָלען מיר איצט זעהן דעם חסד העליון ווי ער גלייכט און ליעבט אונז, אז מיר קענען צוקומען צו איהם אליין. „שובה ישראל עד ד׳ אלהיך״, קום ישראל בעטען סליחה, ביז דעם כסא הכבוד, עד ד״א גרייכסטו ביז דיין גאָט אליין.

קבלה להבא

אַ קבלה גמורה צו פארבעסערען דיינע מעשים, אויף די קומענדע צייט. אַ משל צו אַ קעניג וואָס אַ שטיק פון זיין לאנד האָבען מורד געווען אין איהם, האָט זיי דער מלך געוואָרענט בעפאָר, צו צוויי גבורים, די גרעסטע, האָט ער געשיקט זאָגען, האָט איהר פארגעסען די גוטעם וואָס איך האָב פאר אייך געטאָהן? איינער האָט באַלד געענטפערט דעם מלך און געבעטען זיי מיר מוחל, איך וועל פון יעצט גוט זיין. דער צווייטער האָט זיך ניט צוגעהערט צום קעניג און געגאנגען מיט די מורדים. דער קעניג האָט געשיקט אַ מחנה אַהין, און האָט זיי אונטערדריקט, דאן האָט דער גבור באַקומען זיין שטראָף פאר פול און דעם ערשטען האָט ער געגעבען מעדעלס, און איהם געמאַכט גרעסער פון פריהער.

„שובו אלי״, קעהרט זיך אום צו מיר, „ואשובה אליכם״, וועל איך מיר אומקעהרען צו אייך. איך וועל אייך נאָך בעלוינען מעהר פון פריהער. במקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, אין דעם פלאץ וואו דער בעל תשובה שטעהט קען אפילו דער גרעסטער צדיק ניט שטעהן.

שקלים

געלט געבען איז ניט גרינג

באחד באדר משמיעין על השקלים.

באלד ווי עס פאַנגט זיך אָן אדר, מאַכט מען הערען אויף די שקלים. אין ערגעץ ווערט ניט געזאָגט, „משמיעין" נאָר דאָ ביי שקלים און „כלאים" עס ווערט געזאָגט „מכריזין", מען רופט אויס, און דאָ זאָגט ער „משמיעין", מען מאַכט הערען.

אויף געלט געבען איז ניט גענוג מיט אויס רופען. אַפילו צעהען מאָהל, אַרויסרופען. נאָר מען מוז אַפּילען אייניגע מאָהל. מען דאַרף מאַכען הערען שטאַרק מאַכען הערען מיט אַ גרויסען אַפּיל, און מאַכען וועהנענדיג, אָבער ניט מיטן אויסרופען קען עס העלפען.

קיין ריינע צדקה איז איצט ניטאָ

באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט „שקלים" צו „כלאים"? אין אַמעריקאַ, אַז מען דאַרף זאַמלען געלט, אַפילו פאַר אַ הייליגען צוועק, מאַכט מען אַ פּיקניק, אָדער סתם אַ נשף חשק — אַ

באַלל, אַ טאַנץ, אַ קערטעל, מענער און פרויען. „תערובות״ מענער טאַנצען מיט נשים, א. אַ. וו. אַ שרעקליכער „כלאים״ געהט ביי די שקלים זאַמלען. דאַרום „משמיעין״, מען דאַרף לאָזען זיי הערען גוט שרייען צו זיי על השקלים, „ועל הכלאים״ אַז מען זאַמעלט שקלים, זאָל קיין כלאים ניט זיין, ודו״ק.

ערפאָלג

אינ׳ם מאַטעריאַלישען ערפאָלג פאַרלירט דער מענש זיין נשמה.

גביר און לויתן

אַ גביר וועט ניט באַקומען אין גן עדן קיין לויתן ווייל ער קומט דאָרט מיט קדחת, און דער וואָס וואָס האָט קדחת, טאָר קיין פיש ניט עסען.

אַ טעות

עס האָט אַ טעות יענער וועלכער זאָגט, דאָס ער קען זיך באַגעהן אָהן אַנדערע. אַ גרעסערען טעות האָט אַזעלכער וואָס רעכענט אַז אַנדערע קענען זיך ניט באַגעהן אָהן איהם.

געפינט פאַרטיגע

איינער קלאַפּט אין בוים, דער צווייטער קומט און כאַפּט דעם עפּעל.

ווי זאָל דער פּאָטער טאָן

אַ פּאָטער האָט צוויי פאַרהייראַטע טעכטער, איינע צו אַ פאַרמער, די צווייטע צו אַ טעפּער. ער האָט אַמאָהל באַזוכט זיינע טעכטער, איז ער געווען ביים פאַרמער.

— ווי געהט עס טאָכטער?

— פּאפּא, עס וואָלט געווען ניט שלעכט, נאָר בעט גאָט ער זאָל געבען רעגען.

דעם זעלבען טאָג, האָט ער באַזוכט דעם טעפּער.

— ווי געהט עס דיר טאָכטער?

— פּאפּא, עס וואָלט געווען גאָר ניט שלעכט, ווען דו זאָלסט בעטען אויף אביסעלע מעהר שעהנעם וועטער, די טעפּ זאָל זיך טריקענען.

— אָך! — האָט דער פּאָטער אָפּגעזיפצעט, — דו ווילסט פיינע וועטערען, דיין שוועסטער פאַרלאַנגט רעגען, טאָ וואָס זאָל איך בעטען?

יחזקאל דער גראָסערי-מאַן מאַכט אַ לעבען, זעהר אַ שווערען לעבען. קומט ירמיה און מאַכט אַ גראָסערי פונקט איבער'ן וועג. יחזקאל האָט איצט שווערער די פּרנסה צו באַקומען. יחזקאל בעט אַ גרינגען טויט אויף ירמיה. ירמיה בעט אַ גוטען טויט אויף יחזקאל. ווען אונזער טאַטע אין הי־מעל זאָל אויספאָלגען אַלעמענס תפילות וואָלטען די הייזער געוועזען פוסט און די סעמעטערים פול. נייז ער הערט זיי ביידען ניט צו.

תירוצים

אין אַ אידישען בוכהאַנדלונג האָט אַ מאַן גענומען אַ בוך אויף צוויי וואָכען צום לייענען. ער האָט איינגעלייגט

דריי טאָלער, אויב ער ברייגגט ניט אין גוטען אָרדנונג. צעהן בלעטער האָט געפעלט ווען ער האָט דעם בוך געבראַכט צוריק.

— פארוואָס פעהלט צעהן בלעטער — האָט דער בוכ-העגדלער געפרעגט.

— דאָס איז ניט מיין שולד, מיין אידענע איז אין כעס געוואָרען האָט זי דאָס אויסגעריסען.

— פארוואָס זיינען פינף בלעטער פארשריבען?

— איך בין ניט שולדיג. מיין בייבי האָט עס געטאָהן.

— פארוואָס האָט איהר געבראַכט מיט צוויי וואָכען שפעטער?

— ווייל איך האָב קיין צייט ניט געהאַט.

ווי געפעהלט אייך רבותי די תירוצים, האַ? דאָס זעלבע אַז מען וועט פרעגען בעולם הבא, פארוואָס דאָס? איך בין דען שולדיג, מיין ווייב איז שולדיג. אויף אַן אַנדער פראגע, מיין קינד איז שולדיג. ווי געפעהלט אייך די תירוצים?

סוכה

חנוך הבנים

בשביל ד׳ דברים מאורות לוקין על כותבי פלסתר ועל מעידי עדות שקר, ועל מגדלי בהמה דקה בארץ ישראל, ועל קוצצי אלנות טובות.
(סוכה כ״ט).

צוליעב פיער זאַכען ווערט אַ ליקוי החמה, און ליקוי לבנה. די וואָס שרייבען פּאַסקווילען און פאַר פאַלשע עדות זאָגען, און די וואָס האַדעווען קליינע בהמות אין ארץ ישראל, ציגען, שעפּסען, און די וואָס האַקען אָפּ בוימער גוטע.

איך האָב אין מיינע ספרים געשריבען אויף דעם מאמר אַ סך, גאָר אַ סך. נאָר איצט וויל איך ערקלערען דעם געדאַנק, אַז מען האַדעוועט בהמות דקה אין „ארץ ישראל” דאַרום זאָל זיין אַ „ליקוי המאורות”. פאַר וואָס און פאַר ווען? אונ־זערע אבות זיינען געווען „רועי צאן”. שאול, דוד רועי צאן, און אלע שבטי יה, און דוקא אין „ארץ ישראל”, טאָ וואָרום האָבען זיי עס געטאָהן?

און אונזערע חז״ל האָבען דערמאָנט דייטליך, אַז די וואָס האַנדלען מיט שעפּסען ווערען רייך. „שמעשרות את בעליהן”, טאָ וואַרום איז דאָס דאָ געזאָגט אַז עס ווערט „ליקוי המאורות” צוליעב מגדלי בהמה דקה „בארץ ישראל”?

אַ מענש איז ניט באַשאַפען אויף דער וועלט, אום צו קענען עסען און האָבען כח צו אַרבייטען. אַרבייטען עסען, עסען אַרבייטען. אויב דער תכלית פון דער וועלט איז צו אַרבייטען, עסען, עסען, אַרבייטען, איז דער אָקס מעהר קנאַ־קער אויף דער וועלט, ווי דער מענש. ער עסט טאַקע הונ־דערטע מאָהל מעהר פאַר דעם מענשען, האָט דאָך דער אָקס געדאַרפט זיין פרעזידענט אין אַלע שוהלען און אין אַלע סאָ־סייעטים. אויב אַ מענש איז נאָר דער תכלית עסען, איז אַלע בהמות האָבען דעם גרעסטען תכלית.

ניין, דער מענש איז באַשאַפען מיט אַ נשמה, אַ חלק „אלוק ממעל", און זיין תכלית איז צו דינען גאָט, לערנען די תורה, און האַלטען די מצוות התורה. און אַז אַ איד קען ניט לערנען די תורה, מוז ער שטיצען „לומדי תורה" און „מצוות" מוז ער האָבען. ער מוז טאָהן אַלע מצוות, און עסען מוז מען, ווייל דאָס גיט איהם דעם לעבען. מען דאַרף עסען, מען דאַרף טרינקען. מען דאַרף זיין אַ מענש און אַ איד. אַ איד און אַ מענש, און אויב נאָר עסען אַליין, איז ער אַ — „בהמה".

און אַז מען האָדעוועט דעם קינד, אָן תורה, אָן מצוות, נאָר עסען, נאָר טרינקען, נאָר וואוילטאָג, און אידישקייט גאָר ניט, דאַן איז דער קינד, געהאָדעוועט ווי אַ בהמה, נאָר דער טאַטע זיינער איז אַ בהמה גסה, און דער קינד איז אַ „בהמה דקה", אַ קליינע בהמה'לע — און אַז מען האָדעוועט אין אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקא קליינע בהמות, „בהמות דקות" — דאַ קען מען לערנען אַ קינד. די רעגירונג שטערט גאָר ניט קיין קינדער לערנען. און די גרויסע קענען האַלטען אידישקייט, ווי פיעל זיי ווילען. און אַז אַ פאָלק, וואָס האָט קיין קינדער ניט, מוז פינסטער ווערען די אויגען פון די גרויסע, ווייל מען זעהט, אַז דאָס פאָלק געהט אונטער. „מאורות לוקין", די זוהן און לבנה ווערט ניט געזאָגט, נאָר „על ד' דברים מאורות לוקין", די ליכט פון די אויגען ווערען פינסטער, „על מגדלי

בהמה דקה בארץ ישראל" אין אזא לאנד ווי אין אמעריקא, וואו די אידען האבען פרייהייט, מיט אלע בירגער צו גלייך, און דא האדעוועט מען בהמות דקות. דער מענש איז א בוים — א בוים איז דער מענש, „כי האדם עץ השדה" — „ועל קוצצי אלנות טובות", און די יעניגע וואס האקען אונטער גוטע בוימער, דאס איז פרוכט בוימער, און דאס זיינען די יוגענט. ודו"ק.

שלעפ אריין דעם יצר הרע אין שוהל

אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש.
(סוכה נ"ב).

אויב דער יצר הרע, דער מנוול, האט דיר באגעגענט אין גאס, ווען דו געהסט אין שוהל, און ער רעדט דיר אפ צו געהן אין שוהל, שלעפ איהם אריין אין בית המדרש, און ווייז איהם, אז ער אליין טהוט ניט, וואס ער הייסט דעם צווייטען טאהן. סטייטש, מנוול, דו אליין ביזט דאך דארט דער גאנצער בעל הבית... אפילו — אויבענאן ביי די פרומע לערנערס, ביזטו דארט דער בעל הבית. קנאה, שנאה, לשון הרע, רכילות, שנאת הנם, מחלוקות, דברים בטלים, נבול פה, איז ביי זיי — אם פגע בך מנוול זה, אויב ער לאזט דיר ניט געהען אין שוהל, „משכהו לבית המדרש", שלעפ איהם אין שוהל אריין, און ווייז איהם, אז דארט דווקא, קען מען זינדיגען. טא וואס ווערט ער אן, אז דו געהסט אין בית המדרש... אז ער אליין איז אויך אין בית המדרש.

שלעפּ אַריין דעם מנוול אין שוהל

אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש.

דער „עגל הזהב", די געלט האָט געמאַכט, פון פיעלע פאַר מנוולים. מנוול הייסט, אַז דער מענש פאַרלירט זיין פנים, אַז מען קען איהם גאָר ניט דערקענען. בעפאָר האָט מען איהם גערופען ר' חיים דער פרומער, אַלע האָבען איהם גע־קענט פאַר אַ פיינעם אידען. ווי ער האָט באַקומען דעם גאָלדענעם קאַלב, האָט ער איבער געפיהרט זיין „צלם אלקים" ער איז געוואָרען אַ מנוול, אַ פאַרשטעלטער פנים. ווי די קינדער טוהען זיך אָן מיט מאַסקעס... אויב די געלט, אין ביזנעס, אין גאַס, האָט דיר געמאַכט פאַר אַ מנוול, דאַוועגען געהסטו שוין ניט אין שוהל, גיב האָטש געלט פאַר דער שוהל, פאַר „תלמוד תורה". „אם פגע בך מנוול" — אויב דער מנוול די געלט, די מאַסקע דיינע, עס האָט דיר אויך געמאַכט פאַר אַ מנוול, שלעפּ האָטש אַריין דעם מנוול אין בית המדרש. „משכהו לבית המדרש", גיב דו מנוול פאַר הייליגע צוועקען.

דער מנוול

אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש.

אויב דעם מנוול, דעם יצר הרע, באַגעגענסטו אין גאַס, נעהם איהם אַריין אין „בית המדרש". איך דיינק, אַז דאָס איז די סיבה, ווען עס איז אַ יום טוב, און אַלע קומען אין שוהל, זיצען זיי, די היינטיגע, ניט איין מינוט, נאָר זיי שטעהען אין האָל, אָדער ביי דער שוהל אין גאַס, ווייל יע־דער שלעפּט דעם „יצר הרע" ביזן שוהל, און אַריינגעהן וויל

ער געווים ניט, בלייבט דער יצר הרע ביי דער טיהר, זייער חבר, דער יצר הרע, שטעהט אין גאַס — און זיי וועלען זיצען אין שוהל? ווי איז דאָס מעגליך?...

סוכה און דער איד

סוכה און דער איד. די סוכה איז אַ דירת ארעי, אַ וואָה-נונג אויף אַ ווײלע. דער איד האָט ניט קיין שטענדיגע דירה, פון חורבן ביז איצט, וואו ער איז, וואו ער קומט, דאָרט איז ער איין איינגעבעטענער, אַ פרעמדער, פון וועלכע די בעלי בתים, אכזרים, ווילען איהם ניט דולדען. מיין אידעלע וויים, אַז דו ביזט ניט זיכער מיט דיין וואָהנונג ביי זיי. וויים, אַז דו ביזט אַ פרעמדער. מען קען דיר אַלע מינוט פון דיין סוכה׳לע מאַכען מופען. ציהע דיך ניט אויס, צו פיעל, טאַנץ ניט אויף זייערע שמחות — זיי פאַרדריסט עס, וויים, אַז דיין וואָהנונג, דיין פלאַץ איז אין ציון, נאָר אין ציון.

סוכה און דער איד

די סוכה׳לע איז ניט כשר, אַז זי קען שטעהען, פאַר אַ רוח מצויה, אַ געוועהנליכען ווינט. מיין אידעלע, דיין סוכה׳-לע, דיין דערוויילע וואָהנונג ביי זיי — ביי די אומות, איז נאָך געוועהנליך ווען די וועלט געהט נאָך מיטעל, קוקט מען זיך ניט ארום שטאַרק וועגען דיר. אָבער אַז עס קומט אַ ווינטעלע, אַ ביסעלע שטאַרקער, אַ קריזים, אָדער אַנדערע צרות אויף דער וועלט, זאָגט מען באַלד, אַז דו זאָלסט נעה-מען דיין סוכה׳לע און געהן, מיט די פאָגראָמען, בלוט פאַר-

גיעסונג, און אַלעם וואָס עס קען אַפילו אויף אַ מענשענס געדאַנק ניט אַרויף — — ישראל, דיין סוכה׳לע, דיין גלות, דיין איצטיגע היים, איז אין געפאַהר, אין אַ רוח שאינה מצויה... ישראל, קוק צו מעריב זייט, צום כותל המערבי... דאָרט איז דיין היים...

סכך — און דער איד

די סכך, מיין אידעלע... איז אויך איין אָנמערקונג, מיין טייערער פאָלק אויף אונז. עס דאַרף זיין באַדעקט, מיט אַ זאַך, וואָס איז ניט מחובר צו קרקע... מיין טייערער אידעלע, מיר זיינען אין גלות, אַזוי ווי מיר וואָלטען שטעהען אויף אַן שפּייענדיגען באַרג, אָהן אַ בעשטאַנד, אָהן ערד, ווי אין לופט אַליין, ניט זיכער מיט׳ן פאַרמעגען. מיר לע־בען פון ווינט. מיר זיינען ווי פיש אין וואַסער, אָהן פּרנסה, דאַרום שלינגט מען זיך איינער דעם צווייטען, צוליעב אַ שטיקעל ברויט, וואו איינער מאַכט עפּעס קומען צוואַנציג, און מען שלינגט איין איינער דעם צווייטען... דער גרעס־סערער שלינגט איין דעם קלענערען. דער סוֹף איז, אַז דער גרויסער ווערט דערוואָרגען. בליק ישראל, מיט דיינע אוי־גען צו ציון „ווירושלים", מיין טייערער, וואו דו וועסט זיין מחובר צו קרקע, זאָל שוין פּסול ווערען דיין סוכה׳לע.

סכך און דער איד

ווען דו, מיין טייערער, פערדעקסט דיין סוכה׳לע מיט סכך, טאָרסטו ניט פערדעקען אויף אַזוי פיעל, אַז דער הימ־מעל זאָל זיך גאָר ניט אַרויס זעהען. ניין! דו מוזט קענען

זעהען די שטערען וואו ניט וואו. מיין פאָלק, זייענדיג איז גלות, אין דיין סוכה'לע, און דו געפינסט אַ פּלאַץ, וואו דו קענסט נאָך אַ ווײלע רוהיג לעבען, פאַרגעס ניט צו קוקען אויף דעם הימעלשען, אין דער הויך. הויב אויף אימער דיינע אויגען צום באַשעפער, וואָס האָט דיר געגעבען זיין טייערע געליעבטע טאָכטער, וואָס רופט זיך תורה. ווען ניט איז דיין סוכה פסול, מוז קומען די צייט, אַז זיי, די בעלי בתים, מוזען דיר ערקלערען, אַז דיין סוכה'לע, דיין גלות איז ביי זיי, און דו ביזט אַ פרעמדער, און דאַן איז ניט גוט. ישראל קוק צום הימעל, און בעט ביי גאָט, אַז ווי לאַנג דו האַלטסט דיין גלות, דיין סוכה'לע... זאָל דיר דער רבש"ע באַשיצען, אַז עס זאָל ניט ווערען אַ רוח „שאינה מצויה" און דער רוח זאָל ניט צוטראָגען שטיקלעכווייס דיין סוכה'לע...

סכך, סוכה און איד

ישראל, ווען דו באַדעקסט דיין סוכה'לע, מיט דעם סכך, דאַרפסטו זעהען, אַז די זוהן, זאָל ניט צו פיעל אַריין אין דיין סוכה'לע. אויב די זוהן איז מעהר פאַר'ן שאָטען, איז פסול. ישראל, קוים קומט דיר זייענדיג אין גלות, די שמש הצלחה, זיי וויסען ישראל, אַז עס טויג ניט פאַר דיר. זיי שטעכט עס די אויגען, דיינע בעלי בתים, און די ענדע איז, אַז זיי הייסען דיר צו נעהמען דיין סוכה'לע און מופען וויי־טער. וואָרום נאָך אַ צרה איז דערביי. ווי די זוהן שיינט אין דיין סוכה'לע, דאַן ווערסטו אויס איד, אַז זיי דאַרפען דיר דערמאָנען, אַז דו ביזט אַ איד... און דיין היים איז דאָרט, וואו דער כותל מערבי איז, און עס רופט דיר אַהין אין דעם לאַנד פון די צעדער בוימער...

ציוויליזירטע

דער ציוויליזירטער ווילדער, איז דער ערגסטער ווילדער.

זיי לאַנגזאַם

זיי לאַנגזאַם אין שטראָפען, און שנעל אינ׳ם בעלוינען.

הצליחה נא

הגאון ר׳ יצחק אלחנן, זצוק״ל, איינער האָט איהם גע־פרעגט, רבי! וואָרום שאָקעלט מען דעם אתרוג ביי „הושיעה נא״ און ניט ביי „הצליחה נא״?

מיין קינד! האָט ער געענטפערט, ביי „הושיעה נא״ ווען איינער בעט הילף, „הושיעה נא״, העלף — דאַרף מען שאָקלען זיך אין אַלע זייטען. אָבער ביי „הצליחה נא״, ווען עס איז דאָ „הצלחה״, שאָקעלט זיך גאָר ניט. עס וועט דיר געהען פון אַלע זייטען...

איין תירוץ אויף אַלע קשיות

אין אַמעריקא איהר קענט זיי פרעגען יעדען הונדערט קשיות, ענטפערען זיי מיט איין תירוץ יעדערער. וואָרום לייגסטו קיין תפלין ניט? עס איז דאָך אַמעריקא, איז דער תירוץ. וואָרום ביזטו מחלל שבת? עס איז דאָך אַמעריקא, אויף וואָס איהר פרעגט זיי, איז אַלץ דער שולד, און ענטפער — אַמעריקא...

רעדט אויף זיין רב, רעדט ער אויף זיך

איינער האָט גערעדט אויף זיין רב זייער שלעכטע רייד, און געלויבט דעם רב פון זיין שטאָט פון ליטא. פרעג איך איהם: זאָג־זשע מיר, טייערער, ווי איז געווען אייער פאָטער געגען אייך אין אידישקייט?

רבי, זאָגט ער, וואָס רעדט איהר? מיין טאַטע איז געווען אַ איד אַ למדן, און אַ צדיק, און איך בין אַ גאָר ניט געגען איהם. זאָג איך צו איהם: מיין טייערער, יענער רב פון ליטא איז אייער טאַטענס רב, און דער רב, איז אייער רב. ודו״ק.

פאַרוואָס ווערט מען גרויס

פאַר וואָס זיינען דאָס אַ סך מענשען זוכה צו ווערען גרויס, צדיקים, גאונים, צו זיין פון „בני עליה״, „ראיתי בני עליה״, איך האָב געזען „בני עליה״ גרויסע פערזאָנען, האָב איך אויסגעפונען זאָגט ר׳ שמעון בן יוחאי, פאַר וואָס זיי זיינען זוכה דערצו. האָב איך געזעהען, דאָס איז געווען די אורזאַכע פאַר וואָס זיי זיינען גרויס געוואָרען, ווייל — „והמה מועטין״ זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַר קליין, קיין גאוה, נאָר קליינקייט האָבען זיי געהאַט ביי זיך.

שמחת תורה

„שמחת תורה״ — ניט איין תורה פרעהט זיך, וואָס מען לופטערט זי אַביסעל דורך.

שמחת תורה

ווען די תורה וואָלט געקענט ריידען, וואָלט זי צו ניט איין אידען געזאָגט: אַוועק פיאַניצע! האָסט מיר נאָר ליעב דאַן ווען דו ביזט שכור...

„יודע מחשבות הושיעה נא" — מאָהלט אייך, אַז פון אייער ישועה וועגען, איז פיעל קוראַנטער פאַר אייך, אַז ער זאָל ניט וויסען אייערע בייזע מחשבות...

שמחת תורה

אָבער וואָס קומט ארויס, אַז שוין אויף מאָרגען, דאַרף די כלה, נעבעך, טראָגען די בילד פון איהר חתן אין דער גאַלערי פון פארשוואונדענע מענער...

שוואַכער איד מיט אַ הקפה

וועה צו דעם שוואַכען, קליינעם אידעל, וואָס דאַרף נע-בעך שמחת תורה מאַכען עטליכע טורס אַרום בעלעמער — מיט אַ שווערע „תורה".

הקפות

אויב אידען באַוועהגען זיך שוין יאָ אַמאָהל, איז עס בלויז אין אַ רעדעל, ביי די הקפות.

שמחת תורה פאָהן

פיעלע אידישע קינדער פרעהען זיך ניט אזוי מיט דער תורה, ווי מיט דעם עפּעלע, וואָס שטעקט אויף זייער שמחת תורה פאָהן...

אַלטער בחור, חתן תורה

איהר ווילט זיין חתן תורה? האָט דער גבאי געפרעגט ביי אַן אַלטען בחור.

איך ווײס? האָט זיך דער בחור געברעקעלט, האָט זי עפּעס געלד?

אייזערנע לאָגיק

קיין זאַך איז ניט אוממעגליך, אויב מען האָט געדולד, — האָט אַ פילאָזאָף ערקלערט אין אַ געזעלשאַפט.

קען מען מיט געדולד טראָגען וואסער אין אַ זיפּ? האָט איהם אַ וויצלינג געפרעגט?

געוויס קען מען! האָט דער פילאָזאָף געענטפערט, מען מוז בלויז האָבען געדולד און ווארטען, ביז דאָס וואַסער ווערט פאַרוואַנדעלט אין אייז.

אַמעריקאַנער שוהלען

אַ מאַמע האָט געבראַכט אַ דאָקטער פאַר איהר קינד, נאָך קיין יאָהר אַלט. דער דאָקטער האָט פאַרזאָגט, אַלע טאָג מאַכען דעם קינד אַ וואַנע. זי האָט אַזוי געטאָהן. איינמאָהל

איז זי געווען זעהר ביזי, זיך געהיילט, איז זי געלאָפען אוים־גיסען די וואַסער אין דרויסען פון וואַנעלע. זי האָט פאַרגעסען, אַז דער קינד ליגט נאָך אין וואַנעלע. האָט זי טאַקע אוים־געגאָסען די וואַסער מיט'ן נאַקעטען קינד אין שנעע.

אַמעריקאַנער שעהנע געפוצטע שוהלען, מען וואַשט, מען קליענט, מען פוצט, און עס זאָל נאָר זיין שעהן די שוהל. אָבער וואַשענדיג האָט מען טאַקע די קינדער אויך אַרוים געגאָסען אין די שמוציגע וואַסער פון שוהל אַרוים. ניטאָ קיין קינדער.

ניט דער בעל הברית

הרב הגאון ר' פנחס אליהו, בעל המחבר ספר הברית, ווען ער האָט אָבגעדרוקט זיין ספר הברית, האָט איינער גע־קויפט פון איהם אַ פּאָר הונדערט און איז געפאָהרען אין לבוב און אין יעדער הויז האָט ער געזאָגט, דאָס ער איז דער בעל ספר הברית. ער איז אַריין צו אַ בעל הבית, וואָס ער איז אַ גרויסער מופלג, און זיך פאַרגעשטעלט אַז ער איז דער בעל ספר הברית. האָט ער איהם צוגענומען מיט גרוים כבוד, און אָנגעפאַנגען ריידען מיט איהם דברי תורה. האָט ער זיך גלייך איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ פּוסטער מענש, זאָגט דער מופלג צו איהם: ווי איך זעה זייט איהר דער סנדק, אָבער ניט דער בעל הברית...

קדושין

היינטיגע מסדרי קדושין

חופה קונה מקל וחומר.
(קדושין ג׳).

היינטיגע צייט, גיעבען אַלע חזנים חופה וקדושין. סטייטש ווי אַזוי טאָרען זיי עס טאָהן. מן הסתם האָבען זיי דעם בעוויז, פון דעם אויבענדערמאָנטען מאמר, „חופה קונה מקל..

סדור קדושין

אין אַ שוהל האָט איין איצטיגער סעמינאַריום רב, אַ יונגער בחור נאָך, גענעבען חופה וקדושין, אונטער דער חופה. נאָך דער צערעמאָניע האָט איהם איינער דערלאַנגט אַ — הגדה של פסח, און איהם געוויזען, ער זאָל זאָגען די שטיקעל הגדה, „כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו״.

גט שנעל

איינער איז געקומען צו אַ רב, ער זאָל איהם געבען אַ גט... ער קען שוין מעהר ניט דולדען פון זיין פרוי. אַז מען האָט די פרוי גערופען האָט זי געזאָגט צום רב, פאַר קיין ארט וועט זי ניט נעהמען אַ גט, סיידען ער זאָל זעהען איהר לאָזען, ווי ער האָט איהר גענומען.

ערקלעהרט מיר, זאָגט דער רב, וואָס מיינט איהר דער־מיט? גאָר פשוט, זאָגט זי איהם, ער האָט מיר גענומען איין אלמנה, וויל איך אַז ער זאָל מיר איבער לאָזען איין אַלמנה, ניט קיין גרושה...

היינטיגע שדוכים

האשה נקנית וכו' בכסף בשטר ובביאה וקונה את עצמה בגט ובמיתת הבעל.

די אַמעריקאַנער מיידעל ווערט נקנה צום מאַן מיט דריי ערליי אופנים, „בכסף" ער וויל נדן, דער שעהנער תכשיט... זי ווערט אויך ניט נקנה צו איהם, סיידען „בשטר", ער מוז איהר ווייזען אַ גוטען באַנק בוך. ער זאָל אויך קענען ספּענ־דען פאַר טעאַטערס, און בעלער. „ובביאה" — זי ווערט צו איהם נקנה „בביאה", דורך "תאוה"... אַז דורך אַזעלכע מיטלען געהען זיי פאַרהייראַטען, פאַרשטעהט מען אַז „בטל דבר בטלה אהבה" דאדורך — באַלד נאָך דער התונה, זוכט זי פון איהם באַלד פטור צו ווערען. דער ערשטער מיטעל איז בגט... זי קלאָגט איין פאַר אַ גט, אָדער ער קלאָגט איהר איין פאַר אַ גט. אַז ער פיהרט ניט אויס, אָדער זי פיהרט ניט אויס, איז ער איהר בעפרייער, „במיתת הבעל" נעהמט ער גאַז, אָדער אַ פיסטאָל...

ממזר — און רייך

כסף וזהב מטהר ממזרים.

א חצוף מחוצף איז א ממזר, איין עזות פנים הייסט עס. (מדחציף כוליה האי ש"מ ממזר הוא) אויך א רייכער איז איין עזות פנים, (והעשיר יענה עזות) אז איין אָרעמאַן איז איין חצוף, זאָגט מען אז — מן הסתם איז ער א ממזר. אָבער אז ער ווערט רייך, זאָגט מען אז צוליעב זיין רייכקייט, איז ער איין „עזות פנים". אלזאָ קומט דאָך אויס, דאָס „כסף וזהב" איז מטהר „ממזרים". עס קען זיין ער איז טאַקע א ממזר, אויב ער איז אָבער רייך, זאָגט מען ניט אז ער איז א חצוף ווייל ער איז א ממזר, נאָר ווייל ער איז רייך קומט אויס, דאָס „כסף וזהב איז מטהר ממזרים".

בשר כשר

כשר שבטבחים שתפו של עמלק.

דער כשר'סטער בוטשער איז א פאַרטנער (שותף) פון „עמלק". מיר האָבען בוטשערס, גאַנץ שעהנע אידען, מופלגים און יראים — טאָ וואָס האָט מען צו זיי ? . . . אין רוסלאַנד, אין פוילען, גאַליציען, רומעניען, און אין אַלע אי־דישע מקומות, אז ווען די בהמה איז טריפה געוואָרען, האָט דער בוטשער געהאַט א גוי וועמען צו פאַרקויפען די טריפה, ד. ה. ער האָט געדאַרפט האָבען א פאַרטנער איין עמלק. אָבער א טריפה'נער בוטשער, דאַרף ניט האָבען עמלק'ן פאַר א פאַרטנער. ער פאַרקויפט די אידען די טריפה... „כשר שבטבחים" דער כשר'ער בוטשער (בניחותא) מוז זיין שותפו

של עמלק, ער מוז איהם האָבען פאַר אַ שותף. אָבער דער טריפה'נער בוטשער דאַרף ניט זיין „שותפו של עמלק", — ווייל ער פאַרקויפט די אידען.

בעלי לשון הרע

טוב שברופאים לגהינם.
(סוף קדושין)

אויף אַזאַ מאָדע, איז „ר' חנינא בן דוסא", „שמואל ירחינאי" ביזן רמב"ם, און דער רמב"ם, הונדערטער תנאים, אמורים און גאונים זיינען געווען דאָקטוירים, און אַז „טוב שברופאים לגיהנם", איז שמואל ירחינאי געווים אַ „טוב שברופאים", און מוז געהן אין גהינם. היתכן?

„זאת תורת המצורע אל תקרי מצורע אלא מוציא רע, כי נגעים באים על לשון הרע (מדרש מצורע). די חכמים זאָגען אויך, דער וואָס רעדט אויף איינעם „לשון הרע", נעמט ער צו זיינען עבירות, אויף וועמען ער האָט גערעדט, און יענער נעמט צו זיינע מצוות, דעם רעדנערס. אַלזאָ, דער באַרעדטער האָט אַ רפואה שלימה, ער איז יעצט ליידיג פון עבירות, און האָט זיינע אייגענע מצוות, און די מצוות פון דעם רעדנער. דאַרום שרייבט דער חובות הלבבות, אַז איי־נער האָט גערעדט אויף דעם אַנדערען, האָט דער באַרעדטער אַריינגעשיקט אַ שעהנע מתנה צו דעם וואָס האָט אויף איהם גערעדט.

עס איז ידוע פון אַלע ספרים, אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ דאָקטער פאַר'ן קערפּער, אַזוי איז פאַראַן אַ דאָקטער פאַר דער נשמה. די רבנים, גרויסע דרשנים, זיי קורירען די פאַר־דאָרבענהייט פון דער נשמה... אַלזאָ, איז דער מספר לשון

הרע, דער גרעסטער רופא הנפש, אפילו דער גרעסטער גאון פון דער וועלט, קען ניט ווירקען אַזוי פיעל אויף צו קורירען די נשמה, ווי דער וואָס רעדט אויף דעם צווייטען לשון הרע. אַז ער נעמט דאָך צו אַלע זיינע עבירות, און דער באַרעדטער קריגט פון דעם רעדנער לשון הרע אַלע זיינע מצוות... בלייבט דאַן יענער אָהן איין עבירה, און ער גיט איהם אָב אַלע זיינע מצוות... און זיינע אייגענע מצוות. אָבער ער אַליין, דער מספר לשון הרע, האָט דאָך איצט קיין איין מצוה, און זיינע עבירות האָט ער און די עבירות פון דעם אויף וועמען ער האָט גערעדט, „טוב שברופאים" דער בעסטער פון אַלע פראָפעסאָרען פון חולה הנפש... ווער איז דאָס דער גרעסטער, דער מספר לשון הרע, ער קורירט אוים דעם, אויף וועמען ער האָט גערעדט אין גאַנצען, אָבער ער אַליין איז „לגיהנם".
ודו"ק כי נחמדים מזהב ופז רב.

ג י ט י ן

כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו
דמעות.

א פאַר פאָלק זיינען געקומען צו מיר מיט איין אָבגע־מאַכטען פלאַן זיך צו שיידען. און איך פלעג אימער זוכען צו מאַכען שלום, „בין איש לאשתו”. אין די רייד האָב איך אויך געזאָגט, ווי ווילט איהר עס טאָהן... דען די גמרא זאָגט, דער וואָס גט זיין ערשטע פרוי, איז דער מזבח אַפילו וועהנט אויף איהם...

ענטפערט ער מיר: איהר זייט גערעכט, רבי! איך ווייס אויך פון דעם מאמר, אַז דער וואָס גט זיין ערשטע פרוי איז אַפילו דער מזבח וויינט אויף איהם, נאָר ביי מיר איז פאַר־בליבען, אַז דער מזבח זאָל בעסער וועהנען און גיעסען טרע־רען און איך זאָל ניט דאַרפען גיעסען טרערען...

דער פנים אין אַן עדות

בפני נכתב ובפני נחתם.
(גיטין)

אויף דעם פנים פון מענשען איז פאַרשריבען און פאַר־חתמענט אַלע זיינע זינד, איבערהויפט אויף זיין שטערען...

כתובות

אונס נפשות פטור

העדים שאמרו כתב ידינו הוא זה, אבל אנוסים היינו.
(כתובות פ״ג מ״ג).

(זאָגט דער רב, אנוסים מחמת נפשות שלא יהרגנו אבל אונס ממון לא וכו׳ הרי אלו נאמנים וכו׳). די ספרים זאָגען, „על פי רמז מוסר״, עס איז ידוע, דאָס די האַנט פון מענשען התמ׳עט איין אין ספר הזכרונות, אַלע נאַכט, וואָס ער האָט געטאָהן דעם טאָג. יעדע נאַכט געהט די נשמה אַרויף אין דער הויך, און זי פאַרשרייבט מיט דעם זעלבען האַנט שריפט פון דעם מענשען, אַלעס וואָס דער מענש האָט אָבגעטאָהן עבירות — אַז ער שטאַרבט, ווייזט מען איהם דאָס, וואָס ער האָט געטאָהן, און אָט איז דיין אייגענע התימה . . . העדים שאמרו, די עדות דער קערפער און די נשמה, זאָגען אמת דאָס איז אונזער האַנד, מיר האָבען דאָס אַליין גע׳חתמ׳ט — נאָר „אנוסים היינו״, מיר זיינען געווען געצוואונגען, דער נויט האָט אונז געבראַכט, אַז מיר האָבען געמוזט מחלל שבת זיין, וכדומה. „אנוסים היינו״ נאמנים, זיינען זיי באַגלויבט. און דאָס איז אַ גרויסע פאַרטיידיגונג. אָבער, זאָגט די גמרא, מען נעמט די פאַרטיידיגונג אָן, אָבער ווען? אַז זיי זיינען געווען אַנוסים „מחמת נפשות״, צוליעב „פקוח נפש״. ער קען זיך ניט העלפען, קליינע קינדערלעך, מען געהט אוים

פון הונגער, נעמט מען דאָס אָן, און ער איז פאַרטיידיגט, אָבער אויב דער חילול קודש איז געווען צוליעב „ממון”, אנוסים בשביל ממון לא, צוליעב געלד, רייכקייט, פלעזשור, לוקסוס, דאַן איז קיין תירוץ ניט, ודו״ק. ארבייטען שבת צוליעב פקוח נפשות... אָבער רויכערען שבת, וכו׳.

אַלעס דאַרף מען געבען דעם אָרעמאַן

אפילו סוס לרכוב עליו, אפילו עבד לרוץ לפניו.
(כתובות ס״ז).

אַפילו אַ פערד צו רייטען אויף איהם, דאַרף מען געבען דעם אָרעמאַן, אפילו אַ קנעכט זאָל לויפען פאר איהם. מילא — אַ פערד צו רייטען אויף איהם, טאָמער איז ער קראַנק, אָבער אַ עבד צו לויפען איהם פון פאָרענט — צו וואָס איז דאָס? דאָס איז דאָך אַ שטות, אַ גרויסע נאַרישקייט. האָט קאָצקער רבי געענטפערט דעם מאמר, דאָס מיינט מען אויב ער איז דער אָרעמאַן אַ גרויסער נאַר, און ער וויל טאַקע אזוי — זאָל מען איהם נאָך געבען זיין נאַרישקייט, ווייל ער וויל דאָס (וואָרום אַ נאַר נאָך געבען זיין נאַרישקייט איז אויך אַ „גמילות חסד”).

דער איד מיט'ן גוי

ההוא ישראל ועכו"ם דהוה קא אזלי באורחא בהדי
הדדי לא אימצי עכו"ם לסגיי בהדי ישראל אדכריה
חורבן בית המקדש אנגיד ואיתנח, ואפי"כ לא
אימצי עכו"ם לסגיי בהדי ישראל, א"ל לאו אמריתא
אנחה שוברת חצי גופו של אדם, א"ל הנ"מ מילתא
חדתא אבל הא דשנינן בהלא.

(כתובות ס"ב).

דער באור, דער איד און דער גוי געהען צוזאַמען אין איין וועג. דער איד וויל חן קריגען ביי דעם גוי, דאַרום געהט ער אין זיינע וועגען און ער טהוט די מעשים פון דעם גוי, דער איד טהוט די מעשים פון זמרי, זיין טאָכטער, מעשה מואב זיין זוהן מעשי חם. די מותרות און לוקסוס, גערטנער און וויין גערטנער, טהעאַטערם און צירקען, אַזוי וויט פאַרקריכט דער איד, ביז דער גוי קען איהם שוין נים נאָכהאַלטען. דער גוי הויבט אָן מקנא זיין דעם אידען און ער זאָגט, דער איד זייגט אוים די בלוט זיינע, אַז איך גוי — קען נים נאָך האַל-טען דעם אידען אין לוקסום.

אדכריה חורבן בית המקדש.

דער גוי דערמאָנט דעם אידען מיט חורבן בית המקדש, מיט דם, ואש, ותמרות עשן. מען ברעכט ווינדעס, מען רויבט סטאָרס, מען צורייסט זיינע בעטגעוואַנט, מען שניידט קעפּ, בריסט פון פרויען, און מאַנס די טעכטער. יונג און אַלט ווערען געשניטען אין די גאַסען און אין הויז, און דאָס איז דאָס דערמאַנונג פון חורבן בית המקדש.

אנגיד ואיתנח ואפילו הכי וכו'.

דער איד קרעכצט און זיפצט, פון די מכות, וואָס זיינע פריינט, די גוים, האָבען איהם געמאַכט. און איצט ווייסט ער גאָר ניט, וואָס פאַר אַ וועג ער זאָל זיך אויסקלייבען. אָבער אין אַ ווײלע אַרום באַרוהיגט זיך דער איד, און ער טהוט נאָך צוריק די מעשה הגוי, און שוין — דער גוי קען איהם ווידער ניט נאָך האַלטען, נאָך געהען דעם אידען אין לוקסוס און אלע פארגעניגענס.

א"ל לאו אמריתו אנחה שוברת חצי גופו של אדם.

האָט איהר דען ניט געזיפצט, און געקרעצט פון די פאָ־גראָמען וואָס איך האָב אייך געמאַכט, אייך צו ווייזען, אַז איהר זייט פרעמדע, און איהר זייט נאָך איצט, אין די זעלבע וועג ווי פריהער, און איהר פּיאַווקעס זייגט ווידער מיין בלוט.

א"ל הני מילי מילתא חדתי, אבל הא דשנינן לא.

אַז די צרה איז יונג, אַט איצט געווען, זיינען מיר נאָך מהרהר צו טאָהן גוטעס, אייך ניט נאָכצוגעהן. אָבער עס געהט אַוועק אַ קורצע צייט, זיינען מיר ווידער ווי געווען אָהן חשבון, אָהן באַטראַכט.

אַמעריקאַנער ווייבעל

די מחסורו אשר יחסר לו זו אשה

אין פסוק שטעהט, „די מחסורו אשר יחסר לו", מען דאַרף געבען דעם אָרעמאַן אַלעס וואָס איהם פעהלט, ביז ער זאָל זאָגען גענוג, ווי אַזוי קען אַ מענש זאָגען, אַז עס איז גענוג? די חכמים זאָגען דאָך „מי שיש לו מנה רוצה מאתים", אַז איינער האָט הונדערט וויל ער ניט נאָך אַ הונדערט צו די ערש־טע, נאָר ער וויל נאָך מאתים, נאָך צוויי הונדערט צו זיין הונ־דערט, ער זאָל האָבען דריי הונדערט צוזאַמען. דארום זאָגט מען אין אדם מת מן העולם וחצי תאותו בידו", טאָ ווי אזוי קען מען געבען דעם אָרעמאַן די „מחסורו אשר יחסר לו", אַז ער זאָל זאָגען עס איז גענוג?

דיינק איז, אַז דאַרום זאָגען טאַקע די חכמים, „די מחסורו אשר יחסר לו" „זו אשה", אַז מען וועט איהם געבען אַ פרוי, וועט ער ניט וועלען נעמען נאָך איינע, און ער וועט שרייען, עס איז גענוג פאַר מיר די איינע, ודו"ק.

נדרים

קראַנקער נעמט ניט די מעדיצין

דבר זה אמרו חכמים ולא פירשוהו, אמרו נביאים וכו׳ עד שפירש הקב״ה בעצמו, על מה אבדה הארץ, על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם.
(נדרים פ״א).

די זאַך האָבען די חכמים געזאָגט און ניט ערקלערט. דאָס זעלבע די נביאים, ביז גאָט ב״ה האָט אליין ערקלערט אויף וואָס איז פאַרלאָרען געוואָרען די לאַנד, ווייל זיי האָבען פאַרלאָזען מיין תורה...

דער מדרש איכה אין דער פתיחה זאָגט, גאָט האָט גע־שאָנקען אויף „עבודה זרה" „גילוי עריות", „שפיכות דמים" און ער האָט ניט געשאָנקען אויף דעם וואָס זיי האָבען מבטל געווען די תורה. דער מאמר איז שווער צו פאַרשטעהן. נאָר מיט אַ קורצען משל וועט עס ערקלערט ווערען זייער ריכטיג.

איינער איז קראַנק געוואָרען אויף זעהר אַ געפעהרליכע קראַנקהייט. יעדען טאָג האָט זיך די קראַנקהייט געשטאַרקט אויף דעם העכסטען גראַד איז די היץ ארויף. די גרעסטע דאָקטוירים האָבען געהאַט אַ קאָנסולע, און זיי האָבען פאַר־שריבען אַ רפואה. אָבער צוליעב די שטאַרקע קראַנקהייט האָט ער פאַרשלאָסען די צעהנער, די מויל, און בשום אופן האָט מען איהם די רפואה ניט געקענט איינגעבען.

פריינט זיינען געזעסען לעבען איהם. איינער זאָגט:

אָך — וואָס פאַר אַ היץ ער האָט. נאָך איינער זאָגט, ער דער־קענט שוין ניט. דער זאָגט, ער הערט שוין ניט, אָבער אַלע זאָגען, דער געפאַר איז גרויס...

דער דאָקטער האָט אויסגעהערט אַלע זייערע רייד... רופט ער זיך אָב: פריינדע, אמת, ער זעהט ניט, און הערט ניט, די היץ איז גרויס, ער איז זעהר קראַנק. נאָר דער גאַנ־צער אונגליק איז וואָס ער נעמט ניט די רפואות, פאַרהאַקט די צייהן און עס איז אונמעגליך איהם צו געבען די רפואות... דאָס איז דער אונגליק.

טייערע ברידער, עבודה זרה איז אַ געפעהרליכע קראַנק־הייט, דער גרעסטער זינד. גילוי עריות אַ שרעקליכע זינד, שפיכות דמים, נאָך איין ערגערע קראַנקהייט גאָר אַ געפעהר־ליכע. אָבער אַפילו די אַלע דריי עבירות, וואָלט ניט גע־פעהרליך אַזוי זיין, ווי לאַנג מען וואָלט נעהמען די מעדיצין, דאָס הייסט לערנען די תורה... וואָלט אַלעס זיין גוט... די תורה איז דער מעדיצין פאַר אַלע עבירות, אָב צו שוואַכען און געזונד צו ווערען. אָבער אַז די מיילער זיינען פאַרשלאָסען, די אויערען פאַרמאַכטע און זיי ווילען ניט אַפילו הערען תורה מוסר, דאָ איז געפעהרליך... יעצט וועט איהר זיכער גוט פאַרשטעהען, ודו"ק היטב.

אין מבקרין לא חולי ראש ולא חולי מעיים.
(נדרים מ"א).

קאָפּ וועהטאָג און בויך וועהטאָג דאַרף מען ניט געהן צו די קראַנקע מבקר חולה זיין. דער טעם איז ידוע. ספרים זאָגען אַ גוט וואָרט אויף דעם מאמר. מיר קענען ריידען מיט ניט קיין פרומע, ער זאָל זיך בעסערען, אויב ער האָט נאָך ניט אין קאָפּ קיין כפירה, ער לייקענט נאָך ניט אין גאָט, אָבער אַז ער האָט שוין אַ חולי ראש... „אין מבקרין", דעם קראַנ־

קען וועט שוין ניט העלפען... און דאָס זעלבע אויב אַלעס טהוט ער, נאָר די געדערים זיינע זיינען נאָך ניט טרפה, אָבער אַז ער עסט שוין חזיר און אַלע טריפות, דעם חולי מעים „אין מבקרין"... ער האָט שוין זיין נפש מטמא געווען, וועט שוין ניט העלפען.

גנב רופט גאָט ביי גניבה

הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו.
(נדרים פ"א).

ווי גוט וואָלט געווען, זאָגט גאָט, אַז זיי וואָלטען בע־סער מיר פאַרלאָזען און מיין תורה היטען. דער מאמר איז וואונדערליך. וואָס הייסט עס פאַרלאָזען גאָט, ניט גלויבען אין גאָט, און לערנען תורה. היתכן?

איך האָב אַמאָל געזאָגט אַ וואונדערבאַרען תירוץ... דאָס איז אַזוי געמיינט: עס טרעפט אַז אַ גנב געהט גנב'ענען און אַז ער איז אין מיטען דער אַרבייט, ער דערהערט טריט, אַז מען געהט, זאָגט ער: גאָט אין הימעל, ראַטעווע מיך דעם מאָהל, האַלט ער זיך אָן גאָט אַפילו ביי דער גניבה...

אַ מחלל שבת, געהט שבת אין סטאָר, ער מיט זיין ווייב און קינדער, האָב איך אַליין געהערט ווי ער זאָגט, גאָט זאָל מצליח זיין היינטיגען טאָג. זי זאָגט, גאָט זאָל געבען אַז היינט זאָל ניט רעגענען... וועט מען לייזען, נאָך און נאָך אַזעלכע פעלע.

זאָגט גאָט, „הלואי אותי עזבו", וואָלטען זיי מיר פאַר־לאָזען, ניט בעטען ביי מיר, ניט דערמאָנען מיר, ביי דער עבירה, און וואָלטען בעסער די תורה געהיט, „ואת תורתי שמרו", אַז זיי וואָלטען בעסער די תורה געהיט, וואָלט דער ניט געגאַנגען צו דער גניבה, און דער וואָלט ניט מחלל שבת געווען, ודו"ק היטב...

סוטה

צוויי רבנים אין אַ שטאָדט

שני תלמידי חכמים בעיר אחת ואין נוחין זה לזה בהלכה, אחד מת ואחד גולה.

צוויי רבנים אין אַ שטאָדט, און זיי שטימען ניט צוזאַמען. איינער זאָגט אסור, דער צווייטער מותר. איינער שטאַרבט, דער צווייטער קריגט גלות. פרעגט זיך, וואָרום איז זייער משפט ניט גלייך? און פאַר וואָס איינעם טויט, דעם אַנדערען קומט גלות?

דער תירוץ איז אין איין אַמעריקאַנער שטאָדט איבער־הויבט, זיצט אַ רב אין אַ שטאָדט און מאַכט קוים אַ לעבען, ווייל — דאַרפען זיי דען אַ רב? קומט נאָך אַ רב אין אַ צווייטער שוהל. די בעלי בתים פון די שוהלען פיהרען דאָך אימער מחלוקות. אז איצט איז דאָ נאָך אַ רב, איז איין צד דער צד שכנגד זעהט צו להכעיס אוים צו האַלטען דעם ערשטען רב און איהם איז איצט זעהר גוט... אָבער אין דער אמת'ן דאַרפען ביידע צדדים ניט אַפילו איין רב. און אַז גאָט וויל עס זאָל שטילער ווערען, ווייל די שטעדטיל געהט קאַפּידראָם פון די בעלי בתים און פון דער זייט פון רבנים, זה אוסר וזה מתיר.. . מאַכט גאָט אַזוי, איינער שטאַרבט, בלייבט איין צד מיט זייער רב. איז דאָך נאָר געבליבען איין

צד, הערען זיי אויף איהם צו צאָהלען די שכירות, וואָרום צו וואָס טאַקע דאַרפען זיי איהם. מוז ער אוים וואַנדערען, דער צווייטער, אחד מת והשני גולה.

פיער געפעהרליכע כתות

ד׳ אין מקבלין פני שכינה, כת לצים כת חניפים, כת שקרנים, כת מספרי לשון הרע.
(סוטה מ״ב).

עס פאַרשטעהט זיך ניט. עס ווייזט אוים, אז גאַנצע כתות. קומט דער פסק אָבער איין מספר לשון הרע, א. אַ. וו. איז גאָר ניט, ווייל ער רופט זיי אַן כת? און די זיינען ניט „מקבלי פני השכינה״, וועל איך אויפווייזען, אז טאַקע גאַנצע כתות זיינען פאַראַן, דאַרום רופט ער כת... איינער פון די פיער איין איינצעלנער איז טאַקע אויך די זעלבע, אָבער דאָ רעדט זיך פון כתות, כתות.

„כת לצים״, דאָס זיינען רעפאָרמער. זיי שפּאָטען אָב פון אידישקייט, ווייל קיין זכר אידישקייט איז ביי זיי ניט פאַראַן... און זיי שפּעטען אָב פון די אָרטהאָדאָקסען, וואָס זיי האַלטען די אַלטע טראַדיציע. „כת לצים״, די גאַנצע „כתה״ רעפאָרמער אין מקבלין פני שכינה...

„כת חניפים״ — דאָס זיינען די כתה, וועלכע רוקען זייע־רע נעזער אַהין אין טעמפּעל, און דאָס איז די פּיפּטי־פּיפּטי, זיי ציהען זיך צו זיי, עס פּאַסט דאָך ניט אויף אַ מאָהל צו געהען צו זיי... מאַכען זיי אַ האַלבען טעמפּעל, אַ רב, אַ האַלבער גוי — אַ חזן, אַ מיטעלער שייגעץ... אַ שמש אַ פויער, ווייבער מיט מענער אין איינעם. דעם דאַוועגען רופען זיי דאָס שוין סערוויסעס, אַלזאָ — די גאַנצע סעקטע, ווערט

גערופען כת הניפים... אין צעהען יאָהר אָרום וועלען זיי שוין זיין די כת חניפים... אין דער כת פון די לצים...

„כת שקרנים", דאָס איז די אָרטהאָדאָקסען... זאָלען זיי, ח"ו, ניט קיין פאַראיבעל האָבען אויף מיר. אָבער זיי זיינען די „כת שקרנים", וואָרום טאַקע רוף איך זיי „כת שקרנים"? — איהר זייט דען ניט שקרנים, איהר היט בעסער שבת ווי אַ רעפאָרמער, איהר געהט אין שוהל מעהר ווי דער רעפאָרמער. קיין תפלין פונקט ווי רעפאָרמער, ציצית, פונקט ווי רעפאָרמער, זיצט איהר אין סוכה? טאַקע ווי רעפאָרמער, איהר בענשט אתרוג? ווי רעפאָרמער. טהרת המשפחה? ווי רעפאָרמער! נאָר איין זאַך טהוט איהר מעהר פאַר זיי, אַז איהר קומט שוין אין שוהל, רעדט איהר מעהר פאַר זיי. איך וויל וויסען וואָרום רופט איהר זיך אָרטהאָדאָקסען? דער תירוץ איז, אַז איהר זייט טאַקע אַ כת של שקרנים, אַ כת ליגנער... איהר זייט עס ניט און איהר רופט זיך אַזוי... איהר ערציהט אייערע קינדער פאַר זיי? עס איז איין אמת׳ער נאָמען, כת שקרנים, ליגנער, בלאָפער.

„כת מספרי לשון הרע" — איך ציטער אויסצוזאָגען דעם אמת, דעם פולען אמת, דאָס זיינען די פרומע... אין יעדער שוהל... גאָר די פרומע... און האַלבע פרומע. וואָס טוען די פרומע פאַרנאַכט אין שוהל? רעדען לשון הרע אויפ׳ן רב, איבערהויפט אויפ׳ן חזן. אָפט מאָהל אויפן שמש, ניט אימער אויף די משולחים, אויף אַלע ערליכע אידען... איך וויל ניט צופיעל זאָגען דעם אמת, נאָר איהר זייט די ריכטיגע מספרי לשון הרע...

וועגען שידוכים

מכריזין בת פלוני לפלוני.
(סוטה ב׳).

יענעמ׳ס טאָכטער צו יענעם, פרעגט מען, וואָרום זאָגט ניט די גמרא „בת פלוני לבן פלוני״ יענעמ׳ס טאָכטער, צו יענעמ׳ס זוהן? דער תירוץ איז, דעם חתנ׳ס פאַמיליע מאַכט ניט אויס אַזוי שטאַרק, אויב זיי זיינען ניט קיין לומדים, איז אויך גוט, אום נאָר דער „פלוני״, דער חתן אַליין איז אַ מענש. אָבער די כלה׳ס משפחה דאַרף מען יע וויסען, ווייל — דאָס רוב קינדער געהען גאָר נאָך די מוטערס ברידער. דאַרף מען וויסען ווער די בת איז, „בת פלוני לפלוני.

ניט אייגענע תכריכים
(מוסר לצדקה)

גנבים האָבען באַמערקט, ווי מר. בלומענטהאַל נעמט אַרויס אַ שעהנעם קעסטעלע, פון אַ ביוראָ אַלע אָוועגט, ער געהט אַריין אין אַ חדר, און זאַמט זיך אַ שטונדע, קערט צוריק אויף דעם זעלבען פלאַץ. האָבען זיי גערעכענט, דאָס געווים איז דאָרט זיין גאַנצער פאַרמעגען. אין אַ פינסטערער נאַכט האָבען זיי איינגעבראָכען, און מיט גרויס מיה אַרויס-גענומען דעם קעסטעלע, אַוועק געלאָפען אין וואַלד. לויפענ-דיג האָט זיך איינער אויסגעגליטשט, און געלונקען אַ פוס, אַ צווייטער אַ האַנד געבראָכען, אַ דריטער איז פון אַ צווייג אַרויס אַן אויג. קוים זיך דערשלאָגען צו אַ פאַרבאָרגענעם פלאַץ, צו עפענען דעם קעסטעלע איז געגעבען געוואָרען דעם עלטסטען פון זיי.

לאנגזאם געעפענט, האבען זיי דערזעהן ווייסע, זיי גיבען א קוק, אין קעסטעלע איז גאר ניט געבליבען, נאר אין האנט האלט דער עלטסטער זייערער א פאהר תכריכין, ווייל דער אלטער בלומענטהאל האט עס געמאכט ביי זיין לעבען, און אלע אוועגט פלעגט ער אריינגעמען צו זיך און זאגען ווידוי און דאס האבען זיי געפונען, א פאהר תכריכין...

(נו — זיינען מיר פיליכט די גנבים, פאריאגט, פאר־שקלאפט, לויפענדיג אהן כחות. איינער הינקענדיג, איינער בלינד, איינער סתם אהן קרעפטען געבליבען לויפענדיג, וואס בלייבט אונז איבער, נאר תכריכין. זאל כאטש ניט זיין ווי די גנבים מיט פרעמדע תכריכין. טייערע מיינע, ווייסט וואס צו טאהן לויפענדיג).

בואי בשלום

(לצדקה)

די ארעמע לייט, וואס דא אין די שוהלען האבען זיי זעהר א קליינעם ווערטה, זיי שטעהען אין מעריב זייט ביי'ם טהיר. זארגט אייך ניט ארעמענקע מענשען. ווען איהר זעהט די גבירים אויבען אן. „לך לשלום", זאגט מען צו א לעבעדי־גען, „לך בשלום", זאגט מען צו א טויטען. די גבירים שטעהען טאקע אויבען אן, אבער אז מען זאגט אין „לכו נרננה" „בואי בשלום", קעהרען אום אלע זייערע פנים'ער צום טהיר, טא וואו איז איצט דער אויבען אן (פארשטעהט עס גוט). ביי „בואי בשלום" וועט איהר שטעהן אויבען אן דארט, און זיי די גבירים, קומען אהין מיט קדחת, וועלען זיי קדחת האבען. געדענקט, אז אלע קעהרען זיך אום צום טהיר, איז דער לעצ־

טער באַנק ביים טהיר איצט דער אויבען אָן, ביי „בואי בשלום" ווען מען איז טויט.

געשטאָרבען פון גאוה

אַ לעסאָן פאר די געוואָרענע אַרעמע לייט, וועל איך געבען וואָס אַ גאון און חכם, האָט געזאָגט:

צו ר' אברהם זעטלער, האָט מען דערצעהלט, אז אַ שעהנער בעל הבית איז געשטאָרבען פון הונגער.

— וואָס הייסט, ער האָט דאָך געקענט קומען צו מיר, צו אייך, אָדער צו אנדערע, וואָלט איהם יעדער געגעבען.

— רבי, ער איז געוועזן אַ איד, אַ בעל הבית, האָט עס איהם ניט געפּאַסט בעטען ביי יענעם.

— אַהאַ! אויב אזוי — האָט ר' אברהם ווייטער געזאָגט — איז ער דאָך געשטאָרבען ניט פון הונגער, נאָר פון גאוה.

שפּילט גוט

אַ גוטער מענש געהענדיג מיט זיין פריינד, ווען אַ הינקעדיגער בעטלער, אַ בעל מום האָט זיי אָפּגעשטעלט און האָט מיט אַ גרויסען רחמנות פּנים געבעטען אַ נדבה, האָט ער איהם געגעבען צעהן סענט.

— איך בין איבערצייגט — זאָגט זיין פריינט — אַז ער איז אַ בעטריגער, ער שפּיעלט אַ קאָמעדיע.

זאָגט דער גוטער מענש — פאר אזוי גוט שפּילען, איז ער דאָך ווערט דאָפּעלט.

דער אפיקומן

(לצדקה)

די האַלבע מצה וועלכע מען לייגט אונטער'ן קישען, דאָס באַווייזט אין מוסר, אז דער מענש דארף זיך אָנגרייטען אויף דער לאַנגער רוהע, אָפּשפּאָרען אויף דעם אייביגען קישען אונטער'ן קאָפּ אין קבר ביז תחית המתים. גיב צדקה, טייערער, ברעך איבער די מצה און באַהאַלט. אָבער טאַטע זיסער, היט דעם אַפיקומן, דיין ווייבעלע זאָל ניט אַוועק לאַט־כענען, אָדער דיין טעכטעריל און זוהנעלע. דו זאָלסט ניט זאָגען דו קענסט ניט מאַכען איין אפיקומן, ווייל דיין ווייבעלע דארף, און זוהנעלע און טעכטעריל דארפען.

מצה שמורה

(לצדקה)

מען האָט געפרעגט ביי הגאון הגדול ראש כל בני הגולה, ר' יצחק אלחנן זצוק"ל, וואָס טהוט מען אַז עס איז שווער צו קריגען מצה שמורה?

האָט דער גאון געענטפערט, באַצאָהלט גוט דעם אינגעל דעם אָרעמען, וואָס גיסט וואסער, די אָרעמע קנעטערקע, די וואלגערקעס, און נעהמט אַ סאָלדאַט אָדער איין אָרעמען אורח, אויף יום טוב פסח, וועט עס זיין מצה שמורה. אידען פארשטעהט דעם מוסר דערפון.

אָרעמע מאַכען שנעלער פּסח

(לצדקה)

איין אָרעמען האָט געזאָגט אַ וואָך פאר פּסח, צום איי־נעם, איך האָב שוין דריי זאכען אויף פּסח: אַ פינגער צו די עשרה מכות, אַ זייט צו זיצען אָנגעשפּאַרט, און אַ מויל צום עסען, מרור האָב איך אַ גאַנץ יאָהר. (רייכע בעלי בתים, מי־טעלע קלאַס, ווייס וואָס איהר האָט צו טאָהן איידער איהר זעצט זיך צום סדר).

גיט צדקה בסבר פּנים יפות

(לצדקה)

איך האָב געזעהן ווי איינער האָט געגעבען אַ נדבה צו איין אָרעמאַן מיט אַ געפעהרליכען כעס, און מיט אַ געשריי. האָב איך איהם געזאָגט איך וועל אייך דערצעהלען אַ ריכטיגע מעשה, קורץ און שרעקליך, וואָס איז געשעהן אין דער צייט פון די שרעקליכע מלחמה:

קאָזאַקען זיינען געגאַנגען, אויפ'ן וועג האָבען זיי אָנ־געטראָפען אַן אַלטען פארהונגערטען אידען, קוים וואָס ער איז געשטאַנען אויף זיינע פיס, האָט ער געבעטען אַ שטיקעל ברויט פון אַ קאָזאַק. זאָגט דער קאָזאַק איך וועל דיר געבען, און ער האָט ארויף געשטאָכען אויפ'ן שפּיז אַ שטיקעל ברויט, און געזאָגט צום אַלטען, עס — אָבער פון שפּיז, ניט אָנריהרען מיט די הענט. ער האָט געמוזט אזוי טאָהן, און ער האָט זיך פארוואונדעט זיין מויל, זיין האַלדז.

אזוי מיין טייערער טהוט איהר, איהר האָט געגעבען

דעם אָרעמען אַ נדבה און איהר האָט פארגאָסען זיין בלוט, אזוי ווי דורכ'ן שפיז. (פארשטעהט מיינע טייערע ווי צו האַנדלען מיט דעם אָרעמען, „אשרי משכיל אל דל").

חי מאָהל חי

(לצדקה)

די פילאַנטראָפען גיבען חי מאָהל חי פאר אידען (אכצעהן מאָהל אַכצעהן), אָבער פאר גוים גיבען זיי מת מאָהל מת (פיער הונדערט מאָהל פיער הונדערט).

קאַרגער און פעטע בהמה

(לצדקה)

אַ קאַרגער און אַ פעטע בהמה זיינען ביידע גלייך. זיי בריינגען ערשט נוצען נאָכ'ן טויט, כידוע, — אלע זעהען עס, אַלע ווייסען עס.

אַ נאַר ווייסט דאָס אויך

אַ חכם האָט געזאָגט, אַפילו דער גרעסטער נאַר ווייס וואָס עס בעדייטעט דער וואָרט רייך, אָבער ניט אלע רייכע ווייסען וואָס עס בעדייטעט דער וואָרט אָרעם.

קאַמערטאָן אויף ראש השנה

(ימים נוראים)

עס ווערט דערציילט פון כעלעמער חזן, — זיין הויז האָט געברענט, שרייט זיין ווייב, גיה מאַך אַ געוואַלד, מענשען זאָלען קומען און העלפען ראַטעווען די קינדער.

איך גיה דאָס טאַקע טאָהן, איך זוך דעם קאַמערטאָן, איך זאָל וויסען מיט וואָס פאַר אַ שטימע צו שרייען, געוואַלד ראַטעוועט.

דאָס זעלבע, וואָס האָט צו טאָהן „ונתנה תוקף" מיט אַ קאַמערטאָן, צו שרייען מי באש, ומי במים. אָי, מענשען, מענשען, ווען איהר וואָלט עטוואָס געדענקט וועגען תשובה, עס ברענט, אַ פייער, דער יום הדין, וואָלט איהר אַ קאַמערטאָן מיט אַ חזן מיט זינגער געזוכט פאַר דעם „ונתנה תוקף"?

גיסט וואַסער

(חנוך הבנים)

אין די קליינע שטעדטלאַך פון רוסלאַנד, פוילען, ליטא, ווען אַ פייער האָט פארנומען אַ הויז פון אלע זייטען, האָט מען שוין די הויז ניט געלאָשען, נאָר אויף די צווייטע הויז האָט מען וואסער געגאָסען, אז זי זאָל זיך ניט אָנצינדען, ווייל די וואָס ברענט וועט ניט העלפען, פארהיט מען די אנדערע הייזער.

מיינע ליבע, דער פייער האָט פארנומען אונזערע גרויסע קינדער, שריפת נשמה וגוף קיים, מיר קענען זיי שוין ניט ראַטעווען, זאָלען מיר זיך נעהמען צו די יונגע, זיי ארויס ראַטעווען, לאָמיר זוכען עצות, ווי אָפּצוהיטען אז די קליינע קינדער זאָלען ניט פארכאַפּט ווערען פון פייער. שרייט געוואַלד,

געוואַלד, געוואַלד, וואו זיינען אונזערע לעשער, וואו זיינען אונ־זערע פייערלייט, רופט צו די לעשער. שטעהט אויף איהר זעהט דאָך אז די זיינען שוין פארברענט, גיסט וואסער אויף די אנ־דערע הייזקעס, די קליינע קינדער, גיסט, גיסט, אנטלויפט ניט, דער בית ישראל ברענט.

הערען ווילען זיי אָבער
(ימים נוראים)

קחו עמכם דברים ושובו אל ד׳.
(הושע י״ד).

דער נביא שרייט אויף די פערזאָנען, וועלכע זיי האָבען נאָר חשק צו געהן הערען מוסר, אָבער מיט נעהמען מיט זיך, ווילען זיי גאָרניט. „קחו עמכם דברים״, נעהמט מיט אייך דברים רייד וואָס דער רב זאָגט, „ושובו אל ד׳״, און טהוט תשובה צו גאָט.

די גאַנצע וועלט אין פאַנטאַזיע

אַ גביר האָט געהאַט אַ פין, זעהר אַ טייערע, ביי פינף טויזענט דאלאר די ווערטה. אין דער זעלבער גאס האָט גע־וואוינט איין אָרעמאַן, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פין, אַ פּראָסטע. מען האָט אָבער ניט געקענט אויסקלייבען איינע פון די אנ־דערע, סיידען דורך אַ מבין, — טאַקע אַ גלעזערנע, אָבער אוים־געארבייט פונקט ווי די גוטע. דער גביר האָט פארלאָרען זיין פין, און דער אָרעמען האָט פארלוירען זיין פין. דער גביר

האָט געפונען דעם אָרעמאַנס פין, און דער אָרעמאַן האָט געפונען דעם גביר׳ס פין. דער גביר מיינט אַז ער איז רייכער מיט פינף טויזענט דאלאר, ווייל ער האָט דאָך זיין פין. דער אָרעמאַן האָט טאַקע די גוטע פין, אָבער ער דענקט גאָר ניט אַז ער איז רייך, נאָר ער מיינט אז ער איז דער זעלבער שלעפער. (דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, און קלעהרט יעדערער ווי ער פאַרשטעהט).

אַן אמת בילד וועגען צדקה

אַ מאַן איז קראנק געוואָרען אויף דער מחלה טיפוס ר״ל, און די קראַנקהייט האָט זיך געשטאַרקט, די הויז מענשען האָבען ניט גערוהט, מען האָט געבראַכט די גרעסטע פראָפעסאָרען. וואָס זיי האָבען געזאָגט, איז גלייך ערפיהלט געוואָרען. אַ רגע האָבען זיי ניט אָפגעטראָטען פון דעם קראַנקען.

אין אַ געוויסען טאָג האָבען זיי איהם געבראַכט אַבי־סעל זופּ, האָבען זיי באַמערקט אַז ער טאַפּט מיט די הענט, האָבען זיי געזעהן אַז ער איז בלינד. האָט מען באַלד געבראַכט דעם פראָפעסאָר. זיי האָבען איהם געפאַלען צו די פיס, און געשריהען, פראָפעסאָר האָט רחמנות, אונזער יונגער טאַטע איז שוין בלינד.

דער פראָפעסאָר האָט געהאַלטען דעם פּולס פון קראַנקען, און קוקט אויפ׳ן זייגער, האָבען זיי געזאָגט צום פראָפעסאָר, איהר האַלט זיין האַנט אַזאַ צייט און איהר האָט אפילו ניט אַ קוק געטאָהן אין זיינע אויגען?

— טייערע קינדער — זאָגט דער פראָפעסאָר — דאָס וואָס ער זעהט ניט, איז דאָס ניט צוליעב דעם וואָס ער איז

בלינד, נאָר וואָס די היץ ברענט איהם, איז אריין אין די אויגען, אַז עס וועט אראָפּ די היץ פון איהם, וועט ער זעהן ווי אלע מענשען.

כאָטש זיי האָבען ניט פארשטאַנען, דאָך האָבען זיי געגלויבט. אין איינינע טעג שפּעטער, האָבען זיי באַמערקט ווי זייער פאָטער איז באַדעקט מיט וואונדען, אויף זיין גאַנצען קערפּער, האָבען זיי זיך ווידער דערשראָקען, און געבראַכט דעם פּראָפעסאָר.

ער האָט ניט געקוקט פיעל אויף זיין גוף, און גענומען זיין האַנט, געהאַלטען דעם זייגערל, און צעהלט און טאַפּט. זיי האָבען מיט פערדאַכט געקוקט אויף דעם דאָקטער. האָט דער דאָקטער פאַרשטאַנען, זייער וואונדער. קינדערלעך, זאָגט ער, אמת אייער טאַטע איז זעהר קראַנק. די וואונדען, אָבער זיינען נאָר די סיבה פון זיין קראַנקהייט. בעט ביי גאָט, ער זאָל איהם די היץ סטאָפּען, וועט די וואונדען, און די אויגען געזונד ווערען באַלד.

אויף מאָרגען, דער דאָקטער איז געקומען, האָט ער גענומען זיין פּולס, האָט דער דאָקטער אַ געשריי געגעבען, קינדערלעך, לויפט שנעל אין אַפּטהעק, ברייננט גלייך די מעדיצין וואָס איך האָב דאָ פאַרשריבען. לויפט שנעל, דען דער פּולס איז שוואַך געוואָרען... די פּולס האַלט אין אויפהערען קלאַפּען.

די קינדער זיינען געלאָפען, און פאַרשטאַנען, דאָס זייער פאָטער איז גאָר געפעהרליך. לויפענדיג האָט דער קלענערער געפרעגט ביי דעם גרעסערען. זאָג מיר, וואָס הייסט שוואַך דער פּולס? האָט דער גרעסערער געענטפערט: איך ווייס אויך ניט. נאָר מען פארשטעהט, אַז פּולס איז דער גרעסטער קרענק. דער טאַטע איז בלינד, האָט ער אונז געטרייסט, וואונדען, דאָס זעלבע. און יעצט, ווי דער פּולס איז שוואַך, האָט ער געשריען, לויפט שנעלער, דער פּולס איז שוואַך. איז דאָך געוויס פּולס חולאת דער גרעסטער חולאת...

דער נמשל, קורץ, ווער עס האָט שכל, פאַרשטעהט פון משל. מיר ליגען שוין קראַנק, אויף אַ טיפוס, ר"ל, שוין קרוב צוויי טויזענט יאָהר, אין אַ היץ קראַנקהייט. אונזערע דאָק־טוירים זאָגען, דער היץ איז אַזוי שטאַרק, דאָס מיר האָבען אויף געהערט זעהען. מיר זעהען ניט די גוטע וועג, מיר טאַפּען ווי בלינדע אין פינסטער... מיר זעהען אפילו ניט ווי צו נעהמען די רפואות! אָבער דאָך זאָגען זיי אונז, פאַר־לירט ניט קיין האָפענונג, איהר האָט די געלדזוכט קראַנקהייט, דער היץ צו געלד, אַז דער היץ צו געלד זאָל אָביסעל מיידען, וועט איהר געזונט ווערען. זעהט דער פולס, די האַנט אייערע, זאָל זיין אָפען פאַר אָרעמע. דאָס הויפּט איז דער פולס די צדקה וואָס איהר גיט.

בבא קמא

תולדותיהן כיוצא בהן (של האבות).

על דרך המוסר האָב איך אַזוי געזאָגט: אין דער פלוגתא „תולדותיהן כיוצא בהן", אָדער ניט? ביז איצט האָבען מיר געקענט זאָגען „תולדותיהן" די קינדער זיינען ניט כיוצא בהן, די קינדער זיינען געווען גרעסער אין תורה, ווי דער טאַטע. דער טאַטע אַ פראָסטער איד, און די קינדער פון פראָסטע זיינען געווען תלמידי חכמים. אָבער איצט, „בעונותינו הרבים", איז „תולדותיהן כיוצא בהן", זייערע קינדער זיינען פונקט ווי די טאַטעס, און וואָס דער קינד טהוט איצט, איז עס איין אב מלאכה... אז דער טאַטע איז אַ פרומער געווען, און דער קינד ניט, איז אויך געווען „תולדותיהן" ניט „כיוצא בהם" — און היינט איז ביידע גלייך. איז „תולדותיהן כיוצא בהן".

ביקור חולים

והודעת להם את הדרך ילכו בה זו בקור חולים.
(ב"ק צ"ט).

אז מען געהט מבקר חולה זיין אַ קראַנקען, דאַרף מען איהם ניט באַדערען צופיעל. אַ ווײַלע פאַרברייגנען און געהן.

און דאָס קען מען אַרוים האָבען פון דעם פסוק, פון וועלכען ער לערענט די מצוה פון „בקור חולים", „והודעת להם את הדרך", אַז דאָס איז „בקור חולים" זאָלסטו זיי געבען דעם ריכטיגען וועג פון בקור חולים... אַז אמאָהל דאַרף זיין „ילכו בה", זיי זאָלען גיכער אוועק געהן, ודו"ק.

אברהם און ישראל

מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד האחד, בחור ובתולה מצד השני.

(ב"ק צ"ז).

די געלד פון אברהם אבינו איז געווען איין אַלטער מאַן, מיט איין אַלטע פרוי פון איין זייט, און אַ בחור מיט אַ מיידעל פון דער אַנדער זייט. מיר פאַרשטעהען אַז דאָס מיינט, אַז אברהם מיט שרה, איז דער זקן וזקנה, זיי זיינען דער סימבאָל פאַר אונז אַלעמען, ווי מיר זאָלען זיך לערנען זייערע מעשים טובים. אברהם מיט שרה זייער סימבאָל די מטבע פון איין זייט אַלט „זקן וזקנה מצד האחד", אַלט, גאַנץ אַלט, אָב גע-לעבטע, פון צרות, פון צעהן נסיונות, זיי זיינען שוואַך, ווי עס קומט צו גאָט זאָכען. „בחור ובתולה מצד השני", זיינען זיי שוין יונג — און אַזוי דאַרפען מיר זיין זייערע קינדער, און אין כלל — איז דער סימבאָל דער זעלבער ביי אונז אי-דען. עס דוכט זיך צייטען אַנדערע, אַז ישראל איז שוין אַלט, אָבגעלעבט, מען מאַכט זיי שוין אַ קבר, וואו ישראל זאָל שוין נקבר ווערען. חברה קדישה נייען שוין די בגדים, שוין יציאת הנפש ביי זרע אברהם. טויט אין אידישקייט, טויט, טויט. אָט איז שוין געפאַלען דער „כרם ישראל". אין איין קליינע ווייל, ישראל כאַפּט זיך אויף פון זיין טויטען בעט,

און בעט א טרונק. אבער א טרונק וויל ישראל א גאנץ גוטען. ער בעט גיט מיר א גלאז כרמל וויין...

דאכט זיך א „זקן וזקנה מצד האחד", אבער „בחור ובתולה מצד השני".

רעדט זיך איין ער איז א קליין קינד!

מטבע של אברהם אבינו זקן וזקנה מצד האחד, בחור ובתולה מצד השני.

(ב"ק צ"ז).

פארענדיג אין שיקאגא האב איך באמערקט אין קאר א יונגען, שעהנעם בחור, אומגעפעהר צוואנציג יאהר אלט, פעסט געבויט, און איין אנשטענדיגען אויסזעהן. געגען איהם זיצט איין אלטער, שעהנער גרייז גראהער איד. פרעג איך, וואו פאהרט איהר? און איך האב באלד באמערקט א טרער פאלענדיג פון זיין אויג. און ער זאגט צו מיר, שטילערהייט, מיט דעם יונגען מאן, צו א פראפעסאר פאהר איך. איך גיב א בליק אויף דעם יונגען מאן, איך זעהע, אז ער איז זעהר שעהן און זעהט אויס געזונט און שטארק, א ריכטיגער ריעז.

פרעג איך: וואס פעהלט איהם? זאגט ער מיר, עס פעהלט איהם גאר ניט, נאר צייט א יאהר, האט ער געקראגען א משוגעת, אז ער איז א קליינע בייבי. זיצט און רעדט מיט קלוגשאפט, ווייל ער איז זעהר געבילדעט, אין מיטען רעדען שרייט ער אויס — מא, טראג מיך אין קערעדזשיל, ווייל איך בין א בייבי. און אפט קריכט ער אויף אלע פיער אויפ'ן פלאר, און טהוט אלע מעשים פון א קליינע בייבי. איך פיהר איהם צו א גרויסען פראפעסאר...

נאך זיין דערצעהלען האב איך גענומען קלערען און

טאַקע דערקלערט, אַז דער אַלטער ישראל איז אויך אַזוי — אויף דעם זעלבען משוגעת קראַנקהייט. ווער איז אַזוי אַלט ווי דער אַלטער ישראל, פון אברהם אבינו אָן... איז דען ניט דער אַלטער ישראל עלטער פאַר אַלע פעלקער. ישראל זעהע וואו איז עמון, מואב און אַלע פעלקער. וואו געפינען זיי זיך? נאָר אין היסטאָריע. און גאָט צו דאַנקען ישראל לעבט. טאָ ווי קומט ישראל צו דיר, אַז דו קומסט אין אַ לאַנד, וואָס זי איז געגען דיר ווי אַ בייבי, פון אַ יאָהר, דאָך רעדסטו זיך איין, דו פיער טויזענד יאָהריגער ישראל, אַז דו ביזט אַ בייבי, אויך ווי יענע בייבי, אַז דו ביזט שוין פאַר-הייראַט געווען, מיט דער תורה, איז יענע נאָך ניט געבאָרען געוואָרען, אָדער אַנדערע זיינען אין די וויקעלעך נאָך געלע-גען. דאָך טאַנצסטו נאָך דעם יונגען קינד. אין וואָס פאַר אַ לאַנד דו קומסט, אַלטער ישראל, טוסטו זיי נאָך. ישראל, מען דאַרף דיך צום פראָפעסאָר פיהרען. דו ביזט קלוג און דאָך — משוגע.

„מטבע", די „פירמע של אברהם אבינו", די פירמע, דער אָדלער, אַזוי ווי די חכמים זאָגען, „מטבע שטבעו חכמים בברכות", אָדער „מטבע שטבעו חכמים בגיטין", דאָס איז די פירמע. און וועמענס פירמע ביזטו, געווים פון „אברהם אבינו" אַ מאָדערנער קאָנטראַסט איז מיט דיר „מטבע של אברהם אבינו „זקן וזקנה מצד האחד" פון איין זייט ביזטו דער עלטסטער פון אַלע נאַציאָנען, אָבער — „בחור ובתולה מצד השני". פון דער אַנדערער זייט ביזטו דער איינגסטער, און דו ביזט אַ בייבי, טהוסטו אַלע מעשים פון אַ בייבי.

(הבימה).

געהט אין שוהל

מלאך המות מפקיד כליו בבתי כנסיות ובבתי מדרשות.
(ב״ק ס׳).

דער מלאך המות באַהאַלט זיינע כלים מיט וואָס ער שעכט די מענשען, אין די שוהלען, אָדער אין די בתי מדרשים. פרעגט זיך : האָט ער געפרעגט ביי דעם פרעזידענט, אָדער ביי וועמען אַנדערש, ערלויבניש גענומען דאָס צו טאָהן? זיי דרעהען זיך אַ קאָפּ צו צאָהלען די מאָרדגעדזשעס, און ער באַהאַלט זיינע כלים דאָרט, היתכן? ווידער, וואָלט ניט געפּאַסט בעסער צו באַהאַלטען זיינען כלים אין טהעאַטער, וואָס עפּעס אין די שוהלען? דריטענס, אַזוי שווער איז איהם די כלים צו טראָגען מיט זיך, ער איז דאָך אַ מלאך?

נאָר טייערע, זאָלען מיר אַריינגעהן אין אַ שוהל, ווען מען דאַווענט שחרית, מנחה, אָדער מעריב, וועלען מיר געפינען עטליכע אידען, זעקס אין צאָהל, און ווי אונז שטעלט זיך פאָר ביי דעם ערשטען בליק, קענען מיר דיינקען, אַז דאָס איז אַ היימישע באַגאָדעלני, אָדער מושב זקנים... איינער אַן אַל־טער הוסט, איינער קרעכצט, דער דריטער הינקט, דער פער־טער קען זיך ניט אויף הייבען, דעם פינפטען טרייסעלט אַלע אברים, דער זעקסטער איז בלינד.

פיער יונגע לייט זעהען מיר אויך. שטעלט זיך פאָר, דאָס זיינען וויזיטאָרס, צו די אַלטע אין מושב זקנים. נאָר זיי זיינען אין אמת ניט געקומען צו די זעקס אַלטע, נאָר צו זייע־רע טאַטעס און מאַמעס, אָבגעבען אַ קדיש.

טאָ ווער איז משלים דעם מנין, נאָר די פיער קדיש זאָ־גער, ווען ניט, וואָלט קיין מנין ניט געווען, וואָלט מען גע־דאַרפט האַלטען צו געשלאָסען דעם בית המדרש, פון ראש השנה ביז ראש השנה הבא. און דעם דאַנק קומט השי״ת,

וואָס ער וויל ניט, אַז די שוהל זאָל זיין געשלאָסען פון ראש השנה ביז ראש השנה, שיקט ער דעם מלאך המות, ער זאָל מאַכען דעם מנין...

דער מלאך המות זאָגט: איהר מעמבערם דרעהט זיך טאַקע די קעפּ צו צאָהלען פאַרן שוהל מאָרדגעדזשעס. אמת איהר זייט בעלי בתים, אָבער איך בין מעהר בעל הבית פאַר אייך. איך דאַרף ניט פרעגען ביי קיינעם, ווייל ווען ניט איך, וואָלט איהר ניט האָבען אַ מנין אין שוהל. ווער מאַכט אייך אַ מנין, אויב ניט איך. אַז איך האַלט מיינע כלים אנגעגרייט אין שוהל, ווי עס האַלט, אַז עס זאָל שוין קיין מנין ניט זיין, קום איך און נעהם די כלים אין מיין האַנט, איז ווידער דאָ אַ מנין. נו, — דאַרף איך אייך פרעגען?.. מלאך המות מפקיד כליו בבתי כנסיות, וכו׳.

מאַן און פרוי

אַ מאַן פלעגט אימער שלאָגען זיין פרוי. איז פאַרביי געגאַנגען אַמאָהל דער רב מיט זיין פריינד, האָבען זיי געהערט געשרייען פון דער פרוי. רבי, פרעגט דער פריינד דעם רב, וואָס קען דאָס זיין? שרעק זיך ניט, מיין פריינט, דאָס לע־רענט דער מאַן משנה, שור שנגח את הפרה.

די פני — רבנים, דרשנים, פרעזידענטען

כלבים בוכים מלאך המות בא בעיר, כלבים משחקים
אליהו הנביא בא לעיר.
(ב"ק ס׳).

ווען כלבים וועהנען, איז דאָס אַ סימן, אַז דער מלאך המות קומט אין שטאָדט. אַז זיי שפּיעלען זיך, איז אליהו הנביא אין שטאָדט. איז דאָך צו פרעגען, וואָס טוהען די כלבים, ווען דער מלאך המות איז אין שטאָדט, און אליהו איז אויך דאָ אין שטאָדט? דער תירוץ איז — דאָס זיי דרעהען מיט׳ן ווידעל אין ביידע זייטען, אַהער און אַהין... ענטשולדיגט מיר נאָר, אַז ניט אָרט מיר אויך זעהר וועהניג, היינטיגע צייטען, איז דאָך דער „פני הדור כפני הכלב" (דאָס איז ניט מיין וואָרט, נאָר פון נביא און די חז"ל. זיי זאָגען נאָך מעהר דאָרט).

אָי, אָי! דער פּני היינטיגער.. זיי דרעהען זיך, וואו דער ווינט בלאָזט. ווער? גיט אַ קוק אויף דעם קעפּעל פון דעם נאָמבער. איך וויל ניט מאריך זיין, און דייטליך ער־קלערען. נאָר זיי דרעהען זיך אין דער פּאָליטיק, כפני הכלב, ווען אליהו הנביא זאָל זיין אין שטאָדט, און דער מלאך המות. פאַלש, בלאָף, פון דאָס רוב, און דאָס אלעס...

בבא מציעא

וואָס איז אַ שלעכטע אויג?

תשעים ותשעה מתים בעין הרע.

ניין און נײַנציג מענשען פון הונדערט שטאַרבען דורך דער עין הרע, וואָס יענער גיט. איז דאָס מעגליך, דאָס פון יעדער הונדערט מענשען, זאָלען ניין און נײַנציג שטאַרבען פון אַ שלעכטער אויג?

אַ איד, פון פינף און פופציג יאָהר פרעגט מיר: רבי! איך ווייס דאָס איהר קענט מיין טאַטען, אין קאַוונע, ער איז דריי און אַכציג יאָהר, קיין בייז אויג זאָל איהם ניט שאַדען... ער איז נאָך ניט גראָה. אַז עס שטעלט זיך אָב דער טשאַ-לענט, ווארעמט ער אָן דיענסטאָג און עסט עס. עס שאַדעט איהם גאָר ניט. קוקט זיך איין ווי איך בין ווייס, קיין מאָ-גען, קיין אויגען, קיין געזונד, קיין לעבען. ערקלערט מיר, וואָס איז דאָס?

זאָגט מיר, מיסטער, אייער טאַטע האָט אַ הויז אין קאָוו-נע?

יע, ער האָט אַ הייזקע אַ קליינע, מיט אַ שטרויענעם דאַך. מען באָט איהם צוויי הונדערט טאָלער פאַר איהר.

זאָגט מיר נאָך עפּעס, פרעג איך איהם, אייער טאַטע איז עפּעס שולדיג אויף זיין הויז?

ניין, זאָגט ער. פרעג איך איהם: צאָהלט ער אַ סך טעקסעס? זאָגט ער מיר: אַ רובעל מיט פינף קאָפּיקעס אַ יאָהר צאָהלט ער טעקסעס.

וויפיעל הייזער האָט איהר אין ברוקלין, פרעג איך איהם? און אויב אַלע הייזער זיינען מיט פוירסט (ערשטע) מאָר-געדזשעס?

ענטפערט ער — אַפּילו דריטע אויך. און איך האָב ניין און דרייסיג הייזער. פרעג איך איהם, טאַ וואָס טהוט איהר אַז עס בלייבט שטעהען ליידיג עטליכע הייזער?

אַי, רבי! פרעגט שוין גאָר ניט. איך געה אַרום אַ טויטער! זאָג איך צו איהם, מיין טייערער, אייער טאַטע האָט אַ הייזקע, און זי שטעהט אויף דער ערד, און איהר האָט ניין און דרייסיק, ניט אויף דער ערד, נאָר אויפ׳ן קאָפּ... באַרעכענט איך, צו האַלטען ניין און דרייסיג אַזעלכע הייזער אויפ׳ן קאָפּ... דאַנקט גאָט, אַז די קאָפּ שטעהט נאָך אויף אייערע פּלייצעס. צו וואָס האָט איהר עס געטאָהן?...

פאַרשטעהט איהר, רבי! די אויגעלעך פון מענשען זיינען אַזוי גרוים. זיי זעהען אַז חאַצקיל קויפט, גומפּרעך קויפט, קויף איך אויך. מען מוז נאָך טאַנצען. די אייגעלעך זעהען און עס טרייבט. אַי, רבי, די שלעכטע אויג.

זאָג איך צו איהם: אַ, מיין טייערער, דאָס איז געמיינט אין די חכמים, אַז ניין און ניינציק פּראָצענט פון הונדערט שטאַרבען דורך דער שלעכטער אויג, נאָר די אויג. דורך דעם האָט איהר אַ קאָפּ ווייסע האָר... קיין מאָגען, קיין געזונד...

ביימען זיין פּלאַץ צוליעב מזל

מאן דבית ליה בהאי מתא ליזל למתא אחריתי.
(ב"מ ע"ה).

ווען עס איז שלעכט אין דער שטאָדט, זאָל ער געהן אין איין אַנדער שטאָדט, זוכען זיין מזל. מען פרעגט, אַז דאָס איז כנגד דעם „חובת הלבבות".

ער דערצעהלט, דאָס אַ כומר האָט געטראָפען אַן עהר־ליכען אידען געהן אין וועג. פרעגט ער איהם: וואו ער געהסט? ענטפערט דער איד, אין דער און דער שטאָדט זו־כען פרנסה, ווייל — וואו ער געפינט זיך פעהלט איהם פרנסה. פרעגט דער כומר: זאָג מיר, וועלכען גאָט דיענסטו? זאָגט דער איד, צו דעם גאָט פון הימעל דין איך. זאָגט דער כומר: ניין, מיין טייערער איד, דו דיענסט „עבודה זרה", אַז דו וואָלסט געגלויבט אין גאָט, איז דאָך דער זעלבער גאָט אין דיין שטאָדט. און דער חובת הלבבות דערצעהלט עס צו ווייזען, ווי עס דאַרף זיין דער בטחון צו גאָט. און די גמרא זאָגט דאָ, האי מאַן דבית ליה בהאי מתא, וכו' — ווען עס איז שלעכט אין דער שטאָדט, זאָל ער געהן אין אַ פרעמדער שטאָדט, זוכען זיין גליק.

צוויי גבירים האָבען געפּראַוועט אַ חתונה אין אַ גרויסען האָל. צוויי אָרעמע לייט זיינען געקומען אין האָל, געניעסען פון דער סעודה. די חופּה דאַרף ערשט זיין פינף שטונדען שפּעטער, איין אויווען איז געווען ביים טיר, וואו דער גרויסער רום איז, אין וועלכען מען טאַנצט. האָבען זיי זיך געלייגט שלאָפען ביי דעם וואַנט פון אויווען. דער וואָס איז געלעגען אָנגעשפּאַרט ביי דעם אויווען, האָט איינגעשלאָפען, און זיין נאָז האָט געגעבען משונה'דיגע מוזיק. דער צווייטער, וואָס ליעגט לעבען איהם, איז אים קאַלט געווען, און ער האָט ניט געקענט שלאָפען.

אַז די לוסטיגע טענצער האָבען באַמערקט, און דער־הערט די מוזיק פון די אָרעמע לייט, האָבען זיי צווישען זיך אָבגערעדט, מען זאָל דערלאַנגען אַ קליינעם קלאַפּ דעם אָרע־מאַן וואָס ליעגט ניט ביי דעם אויוועז, ווייל צום צווייטען איז שווערער צו דערלאַנגען. אָבער זייער אָפּט האָט ער גע־קריגען אַ קלעפּעלע, האָט ער געפּיהלט אַ וועהטאָג אין האַנט. זאָגט ער צום צווייטען: בעריל! דו האָסט זיך שוין דער־וואַרעמט, לאָז מיר זיך לייגען ביי דעם אויוועז אַ ווײלע. זיי האָבען זיך געביטען די פּלעצער, און ער האָט געשמייכעלט. איצט וועט יענער קריגען די קלעפּ.

די טענצער האָבען זיך באַזינען, אַז עס איז ניט ריכטיג צו פּאַטשען אימער דעם זעלבען. איצט דאַרף מען פּאַטשען דעם אַנדערען. האָבען זיי טאַקע אַזוי געטאָהן. טאָ ווער האָט איצט באַקומען די קלעפּ? פאַרשטעהט מען דאָס דער זעלבער. אַז עס איז באַשערט צו קריגען קלעפּ, קריגט מען אַפּילו אַז מען בייט דעם פּלאַץ...

דאָס זעלבע איז דאָ. אַז איינעם ווערט ניט גוט, ווייל ער הערט דאָס יענער איז אַוועק דאָרטען אין יענער שטאָדט, און ער איז מצליח — ער שיקט אַ סך געלד, געהט איהם שוין ניט איין זיין לעבען, און ער קלערט ווי אַזוי קומט מען דאָר־טען. זיין אַרבייט ווערט איהם מאוס, און עס ווערט איהם שלעכט. אָט דער מענש זאָל טאַקע פאַרזוכען אַ רייזע, אין יענער שטאָדט, און דאָרט זייענדיג אַ פרעמדער וועט איהם טאַקע זיין ערגער, ווי עס איז איהם געוועזען אין זיין שטאָדט, וועט ער קומען צוריק און וועט זיין צופרידען מיט דער אַרבייט צייט זיך אין שטאָדט, ווייל דאָרט איז איהם געוועזען פיעל ערגער.

דאָס זאָגט די גמרא טאַקע די זעלבע זאַך, „האַי מאַן דבית ליה בהאַי מתא”, ווען עס איז שלעכט אין דער שטאָדט, וואו ער וואָהנט, ווייל ער הערט, אַז דאָרט איז מען מצליח, קען איהם שוין ניט זיין גוט דאָ, „ליזל”, זאָל ער געהן טאַקע

„למתא אחריתא", אין אַ פרעמדער שטאָדט, אין יענער שטאָדט וואו ער דיינקט, אַז דאָרט וועט איהם זיין גוט, און גרינג, און אַז ער וועט דאָרט געהען, וועט ער זעהען, אַז דאָרט איז ער־גער וועט ער שוין צו פריעדען זיין מיט זיין ערשטער שטאָדט, און ער וועט מאַכען גוט אין זיין אַלטער היים.

דאָקטאָר און רבי

אבידת אביו ואבידת רבו, אבדת רבו קודמת, מפני שזה מביאו לחיי עולם הזה וזה מביאו לחיי עולם הבא.
(פרק אלו מציאות).

אין אַ שטאָדט איז געוועזען אַ דאָקטער אַ איש נכבד, אַ מופלג בתורה, האָבען איהם אַלע גערופען רבי... דער רב האָט איהם אַמאָל אָנגעטראָפען. זאָגט דער רב צו איהם: דו מיינסט פילייכט, דאָס ווען מען רופט דיר רבי, איז צוליעב דיין תורה. ניין! דאָס איז נאָר, ווייל — „אבידת אביו" און „אבידת רבו", דער פאָטער האָט עפּעס פארלאָרען און דער רבי האָט פארלאָרען איז דער דין „אבידת רבו קודמת", דאַרף ער פריהער זוכען די אבידה פון רבי. גיט די גמרא אַ טעם, ווייל — „זה מביאו לחיי עולם הזה", דער פאָטער האָט איהם נאָר געבראַכט צו דער וועלט, „ורבו מביאו לחיי העולם הבא", דער רבי ברייגנט איהם צו „עולם הבא", דאַרום דאַרף מען טרייען געפינען פריהער די אבידה צום רבי. און דו ביזט דאָך אַ דאָקטער, און דו שיקסט אַ סך אַוועק אויף יענער וועלט, מיט דיינע מיסטייקס, ברייגנסטו דאָך זיי צו „חיי עולם הבא" דאַרום רופט מען דיך רבי!...

משל יקר

אבידת אביו ואבידת רבו, של רבו קודמת (ברבו שלמדו חכמה) מפני שאביו מביאו לעוה"ז ורבו מביאו לעולם הבא.

איינער איז געגאַנגען צום יעריד, איז פאַרביי געפאָהרען איינער מיט צוויי פערד גוטע. ער האָט איהם אַרויף גע־נומען אויף זיין וואָגען, און האָט איהם געבראַכט צום יעריד. ער איז אַרומגעגאַנגען אומעטיג, ווייל קיין גרויסער ביזנעס מאַן איז ער ניט. די עטליכע טאָלער, און נאָך געליהענע, זאָל ער חאַטש ניט דורך פאַלען, פון די בעטריעגער.

ער האָט זיך בעקאַנט מיט איינעם, זעהר אַ פיינער מאַן. ער איז איהם געוואָרען, אַ גוטער פריינד. ער האָט איהם געהאָלפען איינקויפען סחורה, אום ער זאָל זיך ניט אָב נאַרען, און גוט איינגעהאַנדעלט, און אין דערהיים גוט פאַרקויפט.

איצט זאָלען מיר טראַכטען, ווער פון דיביידע האָט איהם געטאָהן אַ גרעסערע טובה, דער וואָס האָט איהם גע־פיהרט, אָדער דער וואָס האָט איהם געוואַטשט, ער זאָל זיך ניט פאַרנאַרען, און איהם געהאָלפען איינקויפען וואַרע. מוז מען זאָגען, דאָס דער צווייטער איז דער גרעסערער פריינד.

אמת, די נשמה איז ניט אַראָב אויף דער וועלט אָהן דעם גוף פון זיינע עלטערען. דאָס איז מעהר ניט, ווי יענער, וואָס האָט געפיהרט דעם סוחר אויפ'ן יעריד. (די וועלטעלע איז דער עולם השוק, דער יעריד). דער רבי זיינער אָבער איז דער, וואָס האָט איהם געלערענט איינצוקויפען וואַרע, אויף דעם יעריד, ער זאָל דאָרט קריעגען דעם געצאָהלט פאַר די סחורה. דארום איז אבידת אביו ואבידת רבו של רבו קודמת... דער פאָטערס אבידה, און דעם רבי'ס, דאַרף ער פריהער פאַר'ן רבי'ן, ווייל דער פאָטער מביאו „לעולם הזה", דער פאָטער ברייננגט איהם אויפ'ן יעריד, אויף דער וועלטעלע, און דער רבי

„מביאו לעולם הבא", זיין רבי ברייגנט איהם צו עולם הבא, וואו ער קויפט איהם די סחורה און ער וועט קומען אַהיים, און קריגען אַ גוט געצאָהלט, ודו"ק, כי כפתור ופרח הוא.

משה האָט אין הימעל אויך ניט געשלאָפען

לעולם אל ישנה אדם מן המנהג שהרי משה עלה למרום ולא אכל, ומלאכים ירדו למטה ואכלו.
(ב"מ פ"ו).

אימער זאָל דער מענש ניט משנה זיין פון דער פיהרונג פון דעם פלאַץ וואו ער קומט, אין קערפערליכע אויפפיהרונג, אין דער עטיקעטע. דען משה איז אַרויף אין הימעל, און ער האָט ניט געגעסען, ווייל דאָרט עסט מען ניט, מלאכים ביי אברהם האָבען יע געגעסען, ווייל מענשען עסען.

ראש הדרשנים ר' יעקב מדובנא, זצ"ל, איז געגאַנגען אַבריכטען גלות. ער איז אַמאָהל געקומען ניט ווייט פון מינסק, אין אַ דאָרף וואָס דאָרט איז געוועזען נאָר איין איד. דער איד האָט ניט געגעבען נאָך קיין מאָהל אַ אידען אָב עסען. אין זעהר אַ שלעכטען וועטער, גאַנץ פאַר נאַכט, קוים מיט'ן לעבען איז ער געקומען אין דאָרף. ער איז אַריין געקומען זיך אָבגערוהט, האָט ער געבעטען עסען... זאָגט די וויר־טהין, איך האָב גאָר ניט וואָס צו געבען עסען אייך. און איבער נעכטיגען וועט איהר מיך לאָזען? ניין, איך האָב קיין פלאַץ ניט פאַר שנאָרער. נאָר אויב איהר ווילט, קריכט אַרויף אויפ'ן אויווען און ליגט דאָרט. נאָר איך האָב אפילו ניט קיין קישען פאַר אייך... אויב איהר ווילט, קריכט אַרויף און לייגט זיך דאָרט, און דרעהט מיר ניט מיין קאָפּ.

מען פאַרשטעהט, אַז ער איז ניט געשלאָפען. צעהן ביי־

נאַכט איז געקומען דער טייערער אידעלע, און מען האָט אַרומ־גענומען פון אויוון די שמעקעדיגע וועטשערע. ער האָט עס צוגעזעהען.

אין דער פריה איז ער אַראָפּ געקראָכען פון דעם אויוון און האָט גענומען דאַווענען. גראָדע איז צו געפאָהרען אַ גאַנצער מנין סוחרים, פון מינסק. זיי זיינען אַריין ביי דעם ישובניק, און געהייסען מאַכען אַ גוטען מאָהלצייט. זיי האָבען אויך דערזעהן דעם אָרעמאַן און האָבען אַ גוטען בליק געטאָהן, האָבען זיי דערקענט דעם דובנער מגיד...

צוציטערטע זיינען זיי געוואָרען. פאַרגליווערטע זיינען זיי געוואָרען ווי זיי האָבען איהם דערקענט, אַז ער איז נאָך דערצו אַ פאַרהונגערטער...

רבי! רבי! ווי קומט איהר אַהער. און זיי האָבען איהם אָנגעהויבען געבען דעם גרעסטען כבוד, ווי עס קומט אַזאַ הייליגען פּערזאָן...

דער בעל הבית מיט זיין טייערע ווייבעלע האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר זייער ניט שעהנעם באַהאַנדלונג צו איהם. זיינען איהם געפאַלען צו די פיס, ער זאָל זיי מוחל זיין.

אַז מען האָט זיך געזעצט עסען, האָט מען איהם גע־זעצט אויבענאָן. אַז מען האָט געהאַלטען אין מיטען עסען, האָבען זיי איהם ניט אָבגעלאָזען, ער זאָל זאָגען אַ דבר תורה. האָט ער אָנגעפאַנגען מיט דעם אויבען דערמאָנטען מאמר, אַז משה איז אַרויף אין הימעל, האָט ער ניט געגעסען, און ניט געטרונקען, ווייל אייביג דאַרף אַ מענש ניט משנה זיין פון זיין מנהג, וואו ער איז איצט. די מלאכים ביי אברהם האָבען געגעסען, משה אין הימעל האָט ניט געגעסען, ווייל מלאכים עסען ניט.

איז מיר אַ פראַגע. די גמרא זאָגט, אַז אַ מענש טהוט זיך אַ נדר, דריי טעג ניט צו עסען, וועט ער געוויס קענען אויס האַלטען. אָבער ווען ער טהוט זיך אַ נדר ניט צו

שלאָפען דריי טעג, דאַרף מען איהם באַלד באַשטראָפען, ווייל געוויס וועט ער ניט קענען אוים האַלטען דעם נדר. זעהען מיר דאָך, אַז ניט שלאָפען איז אַ שווערערע זאַך ווי ניט עסען. האָט די גמרא געדאַרפט זאָגען, אייביג זאָל אַ מענש טאָהן ווי דער מנהג פון זיין שטאָדט. אַז משה איז אַרויף אויף דעם הימעל, האָט ער פערציג טעג ניט געשלאָפען, ווייל מלאכים שלאָפען ניט, וואָלט דאָך געוועזען אַ גרעסערע רבותא.

נאָר די זאַך איז אַזוי. וואָס די גמרא זאָגט, לעולם לא ישנה אדם מן המנהג, שהרי משה עלה למרום ולא אכל ארבעים יום, וכו׳, דאָ איז שוין במילא גוט צו פארשטעהן, אַז ער האָט געוויס ניט געשלאָפען, וואָרום — ווען משה וואָלט די פערציג טעג געשלאָפען ביי נאַכט, טאָ פון וואַנען וואָלט משה געוואוסט אַז די מלאכים האָבען ניט געגעסען. געוויס עסען די מלאכים. ביי נאַכט ווען משה שלאָפט, נעהמען זיי אַרוים די וועטשערע, פון אויוועז. דער אורח, משה, שלאָפט, ווייל זיי ווילען איהם ניט געבען עסען. אָבער אַז די גמרא זאָגט דאָס די פערציג טעג האָט משה ניט געגעסען, האָט ער געמוזט נאָך טאָהן דעם מנהג פון די מלאכים, ווייל זיי עסען ניט. מוז מען זאָגען, אַז ער האָט ניט געשלאָפען, ודו״ק.

בבא בתרא

אותו היום שנפטר אברהם אבינו עמדו כל גדולי הדור
בשורה וכו׳.

(ב״ב צ״א).

אין דעם טאָג וואָס אברהם אבינו איז געשטאָרבען, האָבען זיך געשטעלט אַלע גדולי הדור אין ליין און געזאָגט, ווי ווייטער זאָגט די גמרא. פרעגען ספרים אויף דעם אויסדרוק פון גמרא „אותו היום״, דעם טאָג דער אותו היום איז אין גאַנצען איבעריג. עס וואָלט שעהנער געווען און בעסער, ווען די גמרא זאָגט „כשנפטר אברהם אבינו עמדו״ וכו׳, ווען אברהם איז געשטאָרבען האָבען זיך אוים געשטעלט די גדולי הדור אין ליין און ווי ווייטער שטעהט דאָרטען...

דער תירוץ איז גאָלד. אז עס שטאָרבט אַ צדיק הדור, איז דעם טאָג גלייך הייסט אָט באַלד, שפירט מען ניט אין די אבידה. נאָר אַז עס מאַכט זיך אַ צרה, אָדער דאָס גלייכען און מען דאַרף צו דעם צדיק אָנקומען שפירט מען די אבידה. אָבער עס זיינען פאַראַן אַ סך גרויסע מענשען וואָס מען זעהט באַלד און מען שפירט גלייך דעם זעלבען טאָג, דעם פאַרלוסט פון דעם פערזאָן. אַזוי אויך אַפילו ניט פון אַ צדיק, אַפילו אַ מיטעל איד, אַ גביר, אַ נדבן קען מען באַלד שפירען די אבידה. אותו היום שנפטר אברהם אבינו, דעם זעלבען טאָג וואָס אברהם איז געשטאָרבען, גלייך די שעה אַפילו,

„עמדו כל גדולי הדור בשורה", האָבען זיך אַלע גרויסע מענ־שען אוים געשטעלט אין ליין, און זיי האָבען געזאָגט, „אוי לו לעולם שאבדה מנהיגה", וועה צו די וועלט, וואָס האָט אָנגע־וואָרען זייער פיהרער. באַלד דעם טאָג, האָבען זיי געזעהען און געשפירט, „מורי ורבותי", אַז אויף דעם נפטר קען מען זאָגען עס.

אַלע זיינען גדולים

כשנפטר אברהם אבינו עמדו כל גדולי הדור בשורה ואמרו.

ווי לאַנג דער גדול הדור לעבט, זיינען די קליינע רבנים־לעך בעהאַלטען אין זייערע לעכער, האָבען מורא די קליינע קעפּעלאך צו רוקען זיך צום „ענין גדול". אָבער ווי דער גדול שטאַרבט, „עמדו כל גדולי הדור" שטעהען אויף אַלע קליי־נינקע „בשורה" אין איין ליין. „עמדו כל גדולי הדור בשורה" אַלע ווערען „גדולי הדור", ודו"ק היטב.

(פאַר די איצטיגע גדולי הדור זאָג איך, טאָמער וועט איינקוקען דער גדול הדור פון „נק־נ־ו־ד" און זעהען אין גמרא, אַז עס שטעהט פיליכט דער נוסח „עמדו אומות העולם בשורה", זאָלען זיי אָדער דער גדול פּאַסקודניאַק פון נ"ק זעהען אין „עין יעקב" די „גירסא", וועט ער געפינען. נאָר ער זאָל ניט מאַכען אַ גרייז דאָרט. זאָל ער בעסער מאַכען אַ גרייז אין גמרא. כאַפּט איהם דער רוח הטומאה, דעם פּאַס־קודניאַק, וואָס איהם דוכט זיך און זאָגט ווייל ער איז דער גרעסטער...)

סנהדרין

ניט קיין ליטוואַק, ניט אַ גאַליציאַנער

אין משיח לישראל

ווי אַזוי זאָגט דאָס הלל, אַז משיח פאַר אידען איז ניטאָ. אַלע גיעבען אונז דעם גרעסטען האָפענונג, און ער זאָגט ניטאַ אַ משיח פאַר אידען? ער מיינט ניט עס איז ניטאָ. עס מוז קומען משיח. נאָר ער מיינט עס איז ניטאָ, ווייל עס קען ניט זיין, אַז אַלע אידען זאָלען געהען מיט אַ משיח. אויב ער זאָל זיין אַ ליטוואַק וועלען גאַליציאַנער מיט איהם ניט געהן... אויב אַ גאַליציאַנער, וועלען ליטוואַקעס מיט אוקראַי־נער און זיטאָמירער ניט געהן, און זאָה וויטער... קען דען זיין פאַר אידען אַ משיח? (אין אַלגעמיין איז דאָס נאָר פון איין מאן דאמר.)

יענער רב געפעלט איהם ניט

המהרהר אחר רבו כמהרהר אחר שכינה.
(סנהדרין ק״י).

די וועלכע זיינען זעהר גוט צו זייער רב, נאָר גוטעס דיינקען זיי פון זייער רב, און דערצעהלט זיי עפעס פון אַן

אַנדער רב, מאַכען זיי אַוועק מיט דער האַנט. אַט — איבער מיין רב איז ניטאָ. אויב ער איז אין אַ סביבה מיט אַ רב, אַלע גיעבען כבוד דעם רב, ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג, טראַכטענדיג, וואָס האָט ער צו טאָהן מיט דעם רב.

„המהרהר", דער וואָס טראַכט „אחר רבו" אַן אַנדערער איז מיין רב, אָבער ניט דער „כמהרהר אחר שכינה".

(בשם הרב הצדיק ר׳ משה מקברין זצוק״ל).

משיח וועט דאַן קומען

אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים.
(סנהדרין צ״ז).

ווען ביי קיינעם וועט קיין פּרוטה ניט זיין אין קעשענע... ווי קען דאָס זיין? איך דיינק אַז עס טרעפט ביי די גרעסטע גבירים איז אָפט ניטאָ אַ סענט אין קעשענע. מען גיט טשעקס אַז ער אַליין דאַרף האָבען קליין געלט, מוז ער אויך אויס־שרייבען אַ טשעק...

מיסיאָנערען

אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכים.
(סנהדרין צ״ז).

אַ טרעמפּ דרעהט זיך ארום אין לאָנדאָן, און אַ פּעני אין קעשענע איז ניטאָ. קומט ער צו די מיסיאָנערען. זיי פרע־גען איהם, גלויבסטו אַז דער „אותו האיש" איז משיח — און

אידען האָבען מעהר ניט צו וואַרטען אויף אַ משיח, זאָגט ער יע. טראַכט ער זיך, וואָס זאָל ער טאָהן? קיין סענט אין קעשענע איז ניטאַ... זאָל זיין אַז משיח איז שוין דאָ.

זאָגען דאָס די חכמים „אין משיח בן דוד בא", ער זאָגט ניט אַז משיח איז שוין געקומען, סיידען „עד שתכלה פרוטה מן הכים", דאַן — אַז עס איז שוין געפינדישט אין פּאַקעט די געלד, און ער האָט שוין דאַרטען גאָר ניט, זאָגט ער, אַז משיח איז שוין דאָ, און די מיסיאָנערען גלויבען איהם, אַז ער איז שוין אַ קריסט.

רב און פּרעזידענט

מלאך הממונה על הרוחות דומה שמו.

דער מלאך וואָס איז אויף געגומען אויף די ווינטען „דומה שמו" הייסט דומה. די רבנים דרשנים, מטיפים, די רופט מען „בעלי הרוח", גייסטליכע פּערזאָנען. „איש הרוח" ווערט גע־רופען דער נביא... און אַזוי האָט דער אדון הנביאים גע־בעטען, „יפקוד ד' אלהי הרוחות" „איש על העדה אשר רוח בו" מיר דאַרפען מעהר קיין בעווייז. דער גייסטליכער מאַן הייסט „איש הרוח", אַמעריקאַנער פּרעזידענט פון שוהל מיין איך, אַפילו דער וויים, אויך טראַסטי, און אַפילו אַ מעמבער („מעם בר") זיי זיינען די בעלי בתים איבער דעם „איש הרוח". ער מעג זאָגען דעם „איש הרוח", זאָגען אָדער ניט זאָגען. דאָס זאָל מען ריידען, דאָס ניט, אַז דעם צאַצקענדיגען פּרעזידענט געפעלט ניט וואָס ער זאָגט, זאָגט ער אָן דעם איש הרוח, שווייגט רבי, איהר דאַרפט ניט ריידען דאָס און דאָס, און אַז ער פאָלגט ניט, איז ער איהם מקפח פרנסה.

„מלאך הממונה על הרוחות", דער מלאך (דער פּרעזידענט) דער „בעל הבית" פון רב, „הממונה על הרוחות", דעם וואָס איז אויף גענומען אויף דעם גייסטליכען מאַן, „דומה שמו", זיין נאָמען איז „דומה", צו מאַכען שווייגען דעם רב און אַלע בעלי הרוח, די רבנים, דרשנים, גאונים, צדיקים, אַט דער פּרעזידענט.

עבודה זרה

דריי חברה קדישא

ג׳ טיפות של מרה מטיל מלאך המות לתוך פיו של אדם קודם פטירתו, ממנו מת, ממנו פניו מוריקות, ממנו מסריח.

די דריי טראָפּענס, איז „קנאה״ — „תאוה״ — „כבוד״. **אַט זיי, נאָר זיי, זיינען די „מלאכי המות״. צוליעב דעם שטאַרבט מען. נאָר זיי, פון זיי שטאַרבט ער. ער ווערט** גרין, ווערט פאַרשטונקען. דורך קנאה שטאַרבט ער, דורך **„כבוד״ ווערט ער גרין און געל, ווען ער קריגט עס ניט, דורך תאוה מסריח, ודו״ק.**

זוכט די קאָפּ

מלאך המות מלא עינים.

דער מלאך המות איז פול מיט אויגען. צו וואָס דאַרף זיין דער „מלאך המות״ פול מיט אויגען?

ווייל ביי פיעלע דאַרף ער זוכען די קאָפּ, אז זיי האָבען גאָר קיין קאָפּ ניט, עס איז פוסטע מוחות...

רבי אליעזר בן דרדיא

אמרו עליו על ר"א בן דרדיא וכו' בכה רבי ואמר יש
יש קונה עולמו בשעה אחת.

אליעזר בן דרדיא, דער פאַרברעכער אין זנות, און אויף איהם איז אַרוים פון הימעל אַ בת-קול, ווען ער האָט געוויינט אַזוי פיעל אויף די שמוציגע עבירות אַרונטער טוענדיג זיין קאָפּ צווישען זיינע פיס, און עס איז ארוים זיין נשמה, האָט דער „בת-קול" געזאָגט, דאָס ער איז „מוכן לחיי העולם הבא", האָט רבי דערויף געוויינט, דאָס מען קען זיך אין איין קליינע ווייל איינקויפען „עולם הבא" — נו „אדרבא" האָט ער זיך דאָך געדאַרפט פרעהען, ניט וויינען?

נאָר רבינו הקדוש האָט איצט געזעהען, דאָס אַ מענש קען זיך איינקויפען יענער וועלט אין איין מינוט, איז זיין האַרץ צובראָכען געוואָרען פאַר פאַרדרוס, וואָרום מענשען פאַרלאָזען די וועלטעלע אָהן תשובה און מעשים טובים, און פאַר וואָס זיי פאַרשלאָפען. עס איז דאָך אַ „קל וחומר", מה דאָך אין איין ווייל, קען מען אַזוי גרוים ווערען, אז מען וואָלט דעם גאַנצען לעבען טאָהן גוטעס על אחת כמה וכמה...

חזנים נאַראָנים

מעמידין חזנים אפילו חסרי מדע.

די וועלט זאָגט, אַז אַ חזן איז אַ נאַר. האָב איך געהערט, אז דער מקור איז פון דעם אין מס' מכות כ"ג דברי ר"י וואָס ער זאָגט „מעמידין חזנים, אפילו חסרי מדע", מען קען אויך נעמען אַ חזן, אַפילו פעהלענדיג אין שכל. (אמת, דאָרט מיינט אַ חזן, אַ שמש בין דין, נאָר היינט רופט מען דעם ש"ץ — הזן, דארום איז דאָס סיי ווי סיי אמת).

היינטיגע חברה

רבן גמליאל ור׳ אלעזר בן עזריה ור׳ יהושע ור׳ עקיבא שהיו מהלכין בדרך, כיון שהגיעו להר הבית ראו שועל שיצא מבית קדשי קדשים, התחילו הם בוכין ור׳ עקיבא מצחק וכו׳.

די אַלע תנאים, קומען צו צום הר הבית און דערזעהען אַ פוקס, איז אַרוים פון קדשי קדשים, האָבען זיי אָנגעהויבען וויינען. ר׳ עקיבא לאַכט. פרעגט זיך, איז דען אַ פוקס אליין געגאַנגען אויף דעם הייליגען פּלאַץ. אַ פוקס איז דאָך גאָר אַ וואַלד חיה. קען עס טרעפען, אַ מאָל זאָל אַריין, אַרוים אַ פוקס, אָבער די הויז חיות, אַ כלב, אַ קאַץ, אַ בהמה, און נאָך אַזעלכע זיינען דאָך געווים געוועזען און יענעם פּלאַץ דורך געגאַנגען, ווייל עס איז דאָך אַ צעבראָכענער פּלאַץ, אַ חורבה, טאַ וואָס עפּעס אַ פוקס?

אונזערע „קדושי עליון״, די וואָס זיינען אויסגערעכענט אויבען היו מהלכין בדרך, זיינען געגאַנגען אין וועג, דרך איז רשות, זאָגט די גמרא, מה דרך רשות, זיי האָבען זיך גע-נומען באַטראַכטען דעם אומגליק פון אידישען פאָלק, דעם אומגליק פון זייער זיין אין גלות, זייער געמאַטערטע „פרנסה״, זייער בלוט-פאַרגיעסונג, זייער פאַלען אין גייסט, איבערהויפּט פון דעם לעצטען אומגליק, דער גייסטליכער, דער יוגענד איז אָפּגעריסען אין גאַנצען פון אידישקייט, די שוהלען פוסט, די שוהלען זיינען פאַרשלאָסענע, און איבערהויפּט איז זייער ווייטער קוק געגאַנגען, וואָס עס וועט זיין אין אַכצעהן הונדערט יאָהר אַרום, איבערהויפּט אין אַמעריקא, ווי מיר האָבען אַליין צו געזעהען דעם איצטיגען צושטאַנד, האָבען זיי גענומען באַ-טראַכטען די לאַגע און זוכען פון וואַנען קומט די קראַנקהייט.

די גרויסע קראַנקהייט קומט פון אונזערע פיהרער. זיי מאַכען אַ תל פון אידענטהום. אַ רבי נעמט מען, אַ בן סורר

ומורה, אַ אוכל טריפה, שקץ ועכבר, אַ קרקרפתא דלא מנח תפלין, אַ מענש אָהן אידישקייט, ער פּראָוועט סערמאָנס פרייטאָג אַכט אַווענד, און אַלע אַטאָמאָבילס ביים שוהל, אַ מחותן מיט נשים, אַ קוש די כלה נאָך דער חופה, א חברה מאַן אַ גוטער, און דאָס איז אַ קלוגער פוקסעל (שועל פּקח שבחיות, קדושין ל״ג) אַ פּרעזידענט אַ כופר, אָדער ניט קיין כופר, סתם אַ הפקר יונג, אַ שועל אַ כיטרע אָבער, ווי אַנצוטרינקען זיין חברה בעפאָר׳ן וואוט, אַ טיטשער אַ שייגעץ, אַ טריפה׳נער ביין, און די זיינען אַלע באַשעפטיגט אין קדשי קדשים. זיי האָבען דערזעהן דעם אומגליק פון גייסטיגען לעבען, אין אַמעריקא, און ענליכע מדינות, האָבען זיי זיך צווויינט, געריסען געווים קריעה. אָבער זיי האָבען באַלד פאַרשטאַנען, ווער עס זיינען די שולדיגע, דאָס איז אַז אַ שועל (ווי אויבען גערעדט) יוצא מבית קדשי קדשים, אַ כופר אַ רבי, אַ טריפה׳נער ביין דער טיטשער, און אַ בהמה, סתם, נאָר אַ כיטרע אַ פּרעזידענט, יצא מבית קדשי קדשים, קען מען פאַרשטעהן, וואָס עס איז אין דער עזרה פון די וואָס שטעהען ביים ארון הקודש, ודו״ק.

האָבען זיי געוויינט. ר׳ עקיבא האָט געלאַכט. וואָס לאַכט ער דערויף? זיין לאַכען איז געווען מיט בלוט, אַ בלוט געלעכטער, אַז אָך און וועה צו אַזאַ געלעכטער. נאָר עפּעס האָט איהם אַ שטראַל געטאָהן, אַ גרויסער האָפענונג, אויף אַזאַ צייט, איז גאָט האָט דאָך צוגעזאָגט, אַז עס קען ניט זיין קיין כליה פון אידען, האָט ער זיך געטרייסט דערמיט, אַז עס וועט שוין קומען אַזאַ צייט, ווי געזאָגט אויבען, האַלט דאָך שוין ביי כליה, ח״ו, ח״ו — וועט גאָט מוזען שיקען זיין הילף פון הימעל, און אונז ברייננגען אין ציון, נאָר ניט דעם רבי מיטן טיטשער און פּרעזידענט, אמן.

אבות

צדקה וועט בלייבען

אמר להם צאו וראו איזה דרך טובה שידבק בה האדם, רבי אליעזר אומר לב טוב, אמר להם רואה אני את דברי אליעזר בן ערך מדבריכם וכו'.

פרעגט אַ גאון און אַ צדיק — ווארום זאָגט ער „רואה אני", איך זעה, און זאָגט ניט כלשון פון אומעטום, נראין דברי אליעזר, אַזוי ווי אין פיעלע פלעצער, „נראין דברי אדמון" אין נאָך פלעצער אין ש"ס?

נאָר דער תנא איז אונז מרמז אויף „לעתיד" אויף די קומענדע צייט, און דאָס איז די צייט, אין וועלכע מיר לעבען. אין „עקבתא דמשיחא" — פאַר דעם „קץ". דער תנא זאָגט אין ערשטען פרק על ג' דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים. אויף די דריי עמודים שטעהט די וועלט, תורה, עבודה, גמילות חסדים — צדקה אין כלל. יעצטיגע צייט איז תורה און עבודה כמעט אַראָב און עס געהט אַלץ שוואַכער. נאָר גוטע הערצער האָט מען. צדקה גיט מען. און דאָס איז דער מאמר התנא. ר' אליעזר זאָגט, „לב טוב", זאָגט זייער רבי צו זיי, „רואה אני", איך זעה אַז עס וועט קומען אַ צייט, פאַר דעם קץ, אַז עס וועט בלייבען „לב טוב", אַ גוטע האַרץ, גמילות חסדים און צדקה, דאָס איז לב טוב, און דאָס וועט אויך מקרב זיין די גאולה, גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה.

אַ ראַבאַי קען זיין אַן — עם הארץ

ולא עם הארץ חסיד.

אַ גראָבער יונג קען קיין פרומער ניט זיין. באַט אַ ראַבאַי ביי קאָלומבוסעס מדינה, קען ער זיין, אַפילו אַ גראָבער יונג.

גלייך יענעמ׳ס געלד

יהי ממון חבירך חביב עליך כשלך.

דאָס איז אויך פאַר אַמעריקע גוט, דו זאָלסט גלייכען דעם צווייטענ׳ס מאָני — דזשאָסט ווי דיינע אייגענע מאָני. אויב דיר איז שווער צו האָבען אייגענע, נעם יענעמ׳ס צו, וואָס איז דער דיפערענץ אין אַמעריקאַ. אַט אַזוי לערענט מען אין אַמעריקאַ דעם מאמר, טאַקע אַז אָך און וועה צו אַזאַ פשט, אָבער — — —

אַמעריקאַנער פּאָליטיק

הוו זהירין ברשות וכו׳

זייט קערפול מיט פּאָליטישענס, שאין מקרבין לו לאדם, ביקאָז זיי קערען ניט פאַר אַ מענשען „אלא לצורך עצמן", נאָר פאַר זייערע אייגענע ביזנעס. „נראין דאוהבין בשעת הנאתן" ווען זיי האָבען אַ יוז פון דעם מענשען זיינען זיי מיט איהם גוטער ברודער, „ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקן", באַט

זיי קערען נים פאר א מענשען „בעת" ער איז געבראָכען. „אמור מעט" ספיעטש וואָס וועהניגער, „ועשה הרבה", אָבער טהו א האַללאַט, ניט ווי די קאַנדידאַטען, וואָס זאָגען צו „הרים וגבעות" „בעת" זיי לויפען, און דער נאָך האָבען זיי אַלעמען אין סליעוו.

אַ עניו צו זיין דאַרף מען זיין אַ ת"ח

משה קבל תורה מסיני.

די מפרשים זאָגען, אַז גאָט ב"ה האָט די תורה געגעבען אויף דעם קלענסטען בארג, צו ווייזען אז די תורה קען זיך ניט האַלטען ביי די בעלי גאוה, און דאַרום האָט משה אויך זוכה געווען, דאָס דורך איהם זאָל די תורה געגעבען ווערען, ווייל ער איז קליין ביי זיך, ער איז אַן עניו. פרעגט זיך אָבער וואָרום האָט טאַקע גאָט ב"ה ניט געגעבען די תורה אין אַ טאָהל? נאָר דאָס ווייזט, אַז צו זיין אַן עניו דאַרף מען עפּעס האָבען מעלות, אָבער אַנידעריגע בריאה'לע, אַ גראָבער יונג, זיין עניות טויג ניט. דאַרום האָט ער געגעבען אויף דעם באַרג סיני, צו ווייזען, אַז אַן עניו צו זיין איז גוט, אַז מען איז אַ באַרג אַ קליינער. אָבער אַ באַרג, ודו"ק היטב.

האָב פיינט רבנות

שמעיה אומר אהב את המלאכה ושנא את הרבנות.

„שמעיה" זאָגט, ליעב צו זיין אַ בעל מלאכה. זיי זיך מפרנס פון דיין פראַצע דאָס הייסט, צו זיין אַ נהנה מיגיע כפיך

און האָב פיינט די רבנות, וויל ניט זיין אַ רב, האַס די רבנות. אָבער ער זאָגט ניט צו האַסען דעם רב, נאָר די רבנות, ודו"ק.

גראָבער יונג, וואו קריכסטו?

ועשו סיג לתורה.

מאַכט אַ געיט צו דער תורה, דאָס ניט עני עם הארץ און גראָבער יונג, זאָל קריכען צו איהר, און מאַכען פון איהר ביזנעס, און אוים פיהרען זיין פּאָליטיק, מיט איהר, אַז דער גראָבער פּאַסקודניאַק זאָל ווערען פּרעזידענט און טייטלען אין דער תורה.

וועהניגער ריידען מיט פרויען

אל תרבה שיחה עם האשה.

אַ ראיה פון דער תורה, אַז מען דאַרף ניט צופיעל ריידען מיט אַ פרוי — אַזוי ווי דאָ זאָגט דער תנא אל תרבה שיחה עם האשה, דו זאָלסט ניט צופיעל ריידען מיט אַ פרוי. גאָר אַ גרויסע ראיה געפינען מיר. ווען די טמא מענשען זיינען געקומען צו משה'ן פרעגען „למה נגרע" האָט משה זיי געענטפערט „עמדו ואשמעה מה יצוה ד'" שטעהט דאָ און איך וועל הערען פון גאָט, וואָס גאָט וועט זאָגען פאַר אייך... און ווען די „בנות צלפחד" זיינען געקומען מיט דער פראַגע, די פראַגע וועגען „ירושה", האָט משה ניט געענטפערט, נאָר „ויקרב משה את משפטן לד'...

האפענונג

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא וכו'.

ווארום זאגט מען די משנה בעפאר יעדען פרק? ווייל ווען מען ברייננט א דאקטער צו א שטארקען קראנקען און דער דאקטער איז א קלוגער מענש, טרייסט ער איהם, און זאגט, דו וועסט געזונד ווערען, נאר היט אב צו נעהמען די ביטערע מעדיצין. דער חולה איז פרעהליך, און האפט גע־זונט צו ווערען, און ער היט צו נעהמען די מעדיצין.

אבער ווען דער דאקטער זאגט איהם, זיי וויסען, דו ביזט אין סכנה, דו ביזט געפעהרליך, דאן איז דער קראנקער זיך מייאש און ער נעמט ניט די מעדיצין, און ער איז שוין טאקע אין געפאר. דאס זעלבע איז מיט חולה הנפש. זאגט מען איהם דו זיי וויסען, אז „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", דו האסט דעם גרעסטען טשאנס צו זיין געזונד, זיי זיך ניט מייאש, דו ביזט א „בן עולם הבא", נאר דו ביזט קראנק א ביסעל, נעם די מעדיצין פון אבות וועסטו זיין געזונד...

„בסתר" זיי ווי אין „בגלוי"

ובמקום שאין אנשים השתדל להיות איש.

מען דארף זיין א איד בסתר, אין פארבארגעניש, ווען קיינער זעהט ניט ובגלוי און אנטדעקט, ווען אלע זעהען, בעסער געזאגט, אז מען דארף זיין א איד און א מענש, „בסתר" אזוי ווי „בגלוי", דאס זאגט דער „תנא" „ובמקום שאין אנשים" און אין דעם פלאץ וואו קיין מענשען זיינען ניטא, „השתדל להיות איש" זאלסטו זעהען צו זיין ארענטליך, אידישלעך, וואו קיינער זעהט ניט.

אַ שעהנע מעשה פאַר אַ קמצן

יהי ביתך פתוח לרוחה ויהיו עניים בני ביתך.

אין מינסק איז געווען אַ גרויסער גביר, ר' דוד כ"ץ, אַ גרויסער קמצן. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ שעהנהייט, מיט אַלע מעלות. און דאָך האָט ער קיין שדוך מיט איהר ניט געקענט טאָהן. עס פלעגט שוין זיין אָבגערעדט אויף אַ תנאים. פלוצלונג פלעגט גאָר ניט ווערען. ער האָט געזעהען, אַז זיין טאָכטער ווערט פאַרזעסען, איז ער אַריין צו אַ גוטען אידען, אַ גרויסער חכם, און געפרעגט איין עצה.

דער גוטער איד האָט איהם געזאָגט, ר' דוד, איך האָב נאָר איין עצה פאַר אייך, אַז איהר וועט עס טאָהן, וועט גוט זיין, אויב ניט, וועט אייער טאָכטער ניט חתונה האָבען.

טוט זיך אָן ווי אַן אָרעמאַן, וואָס געהט אין די הייזער, און איהר זאָלט אַזוי אַרום געהן מיט אַלע שלעפּערס נעכטיגען וואו זיי נעכטיגען, און אַ קורצע צייט, אַז איהר וועט אַזוי טאָהן, וועט איהר געהאָלפען ווערען, איהר וועט אַליין פאַר־שטעהען, ווען איהר קענט קומען אַהיים.

ער האָט אַזוי געטאָהן. ער האָט זיך שוין אַרום געשלעפּט אַ זעקס וואָכען. איז ער געקומען אין אַ קליין שטעדטעל, אין ווילנער גובערניע, איז ער אַריין אין הקדש. אין אָווענט, אַז אַלע אָרעמע לייט האָבען זיך געזעצט עסען וועטשערע, סאַפּער, האָט ער אויך גענומען אַ שטיקעל ברויט מיט וואַסער. די שלעפּערס האָבען זיך צורעדט, פון יעדער שטאָדט, וואו עס זיינען פאַראַן מנדבים, גאָר גוטע, מיטעלע, און וואו עס זיינען דאָ קאַרגע... ביז עס איז אויף זייער צונג אַרויף מינסק.

הויבט איינער אָן דערצעהלען: אַז אין מינסק איז דאָ אַ ר' דוד כ"ץ, די ערד זאָל איהם ניט טראָגען, און מיט געפעהרליכע תוכחה „קללות", ער לאָזט דאָך ניט אַרויף אויף זיין הויף אַ אידען. זאָגט נאָך איינער, „ימח שמו וזכרו", איהר ווייסט,

ער האָט אַ כלב אוועק געשטעלט אויף זיין הויף, דאָס אַן אָרעמאַן זאָל ניט קענען אַרויף געהען. זאָגט אַ דריטער, ווייסט איהר אָבער וואָס אונזער אָבמאַך איז געוועזן... איהם אָב צו טאָהן אַ שפּיצעל... אַז מיר זאָלען ניט צולאָזען זיין ליעבלינג, זיין שעהנע טאָכטער זאָל הייראַטען. מיר מאַכען קאַליע יעדען שידוך... אָט דאָ ניט לאַנג, האָט שוין געהאַלטען ביי אַ תנאים, האָבען מיר אָנגערעדט, און קאַליע געמאַכט. זאָל ער, דער כלב, וויסען... ער וועט אונז געדיינקען...

און ער האָט עס אַלעס אויסגעהערט און גוט פאַרשטאַנען אַז דער גלות האָט זיך געענדיגט, און ער קען שוין געהן אַהיים. אויף מאָרגען גאַנץ פריה, איז ער נעלם געוואָרען און געקומען אַהיים, האָט ער זיי איבער געגעבען די גאַנצע געשיכטע. באַלד האָט מען דעם כלב אָבגעשאַפט, און די הענטעלעך האָט זיך געעפענט פאַר די אָרעמע, אַז די אָרעמע האָבען זיך דערוואוסט, איז געוואָרען אַ הולע קבצן, טאָג און נאַכט האָט ער געהאַט אורחים... אין אַ קורצער צייט, האָט זייער טאָכטער געהייראַט.

דאָס זאָגט דער תנא, „יהי ביתך פתוח לרוחה”, אָפען זאָל זיין דיין הויז ברייט פאַר אָרעמע לייט, אַז ניט וועסטו האָבען אַ פּסק, אַז „ויהיו עניים בני ביתך”, דיינע אייגענע קינדער וועלען זיין אָרעמע לייט. חאָטש דו האָסט מיליאָנען. צו געבען נדן, ווייל זיי וועלען ניט קענען טאָהן קיין שידוך... נאָך ערגער ווי די גרעסטע אָרעמע לייט. זיי ניט ווי ר׳ דוד כ״ץ, היט זיך חוץ וואָס דיין שטראָף וועט זיין גרויס בעולם הבא, וועסטו האָבען אַ גוטען שטראָף אויך בעולם הזה.

פאַר וואָס קריגט ער קיין כבוד

כל הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו.

אַ חסיד האָט געפרעגט ביי אַ צדיק, דער תנא זאָגט דאָך דאָס ווער עס אַנטלויפט פון כבוד, לויפט דער כבוד איהם נאָך. איך לויף מיין גאַנצען לעבען פון כבוד, און דער כבוד לויפט מיר ניט נאָך. איך בין שוין אויף דער עלטער, און קריג נאָך קיין כבוד ניט. וואָרום איז דאָס?

ווייסטו פאַר וואָס, זאָגט איהם דער צדיק. ווען דו לויפסט פון דעם כבוד, קערסטו זיך אַלע ווײלע אום, צו זעהען, אויב דער כבוד האַלט דיר אין נאָך לויפען, און ווי דער כבוד דער־זעהט עס, אַנטלויפט ער באַלד...

אבות על פי נוסח אַמעריקא

„בן חמש" אַלט פינף, אין קינדער גאָרטען, „בן שלש עשרה", דרייצעהן, פריי פון „תורה ומצוות", און פון תפלין — „בן חמש עשרה", פופצעהן יאָהר, צו איין ארבייט... „בן שמונה עשרה", אַכטצעהן — לרדוף נאָך צו יאָגען נאָך מייד־לעך... „בן שלשים לחופה", דרייסיג „לחופה", „בן ארבעים" אַלט פערציג, „שובע" איז ער שוין אַלט — „בן חמשים לשוח" צו פופציג צום גרוב. „בן ששים" „כאלו מת", ווי נאַר זעכציג, ווי געשטאָרבען. אין ערגעץ טויג ער שוין ניט, ניט אין שאַפּ, ניט אין ערגיץ. ניט פאַר זיך, ניט פאַר קיינעם, ווי געשטאָר־בען.

משפט ניט ביז דו קענסט זיין פלאַץ

אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו.

משפט ניט קיינעם ביז דו דערוויסט זיך פון זיין פלאַץ, זיין אָרט, פון וואַנען ער קומט. עס קען זיין, אַז דער מענש איז גאָר ניט שולדיג, זיין אָרט איז גורם, אַז ער זאָל טאָהן דאָס וואָס ער טהוט...

פון וואַנען שטאַמט קעסט צום איידעם

בן עשרים לרדוף.

פון וואַנען נעמט זיך די אַלטע אידישע מאָדע, אַז מען האָט גענומען איין איידעם, האָט מען איהם צו געזאָגט קעסט. פון וואַנען שטאַמט דאָס? האָב איך געהערט פון דעם מאמר התנא, „חמש שנים למקרא". ווען פינף יאָהר אַלט לערענט מען מיט איהם מקרא, וכו׳, „בן י"ח לחופה", אַכצעהן יאָהר אַלט, מוז ער געהן הייראַטען. „בן עשרים לרדוף", צו צוואַנציג יאָהר נאָך צו יאָגען. זאָגט דער רב, אַז דאָס מיינט ווען ער ווערט צוואנציג, דאַרף ער נאָך יאָגען נאָך מזונות מפרנס צו זיין זיין פרוי.

איצט לאָמיר זעהען. אַז צו אַכצעהן הייסט ער איהם געהן הייראַטען און צו צוואַנציג, הייסט מען איהם איצט אָנהויבען פאַרדינען, טאָ וואָס האָט ער געטאָהן די לעצטע צוויי יאָהר פון הייראַטען, צו אַכצעהן, און ערשט זוכען מזונות צו צוואנציג? פאַרשטעהט מען, אַז געווים האָט ער געגעסען קעסט.

וואָס גרעסער — זיי וואָס קלענער

מאד מאד הוי שפל רוח

אַ אָרעמאַן אַ בעל גאוה, איז זעהר העסליך. אַ בור אַ בעל גאוה איז זעהר מאוס, ווען ער איז ביידע זאַכען, איז געווים מאוס, העסליך. דעם דאַרף מען ניט אַנזאָגען וועגען גאוה, ווייל עס איז ניט שכיח — און טאָמער טרעפט פאַר־דאַמען איהם אלע מענשען. אָבער אז ער איז אַ גביר און דער צו אַ משכיל אויך, און לערנען קען ער אויך, און אַ בעל צדקה אויך... דעם זאָגט אָן דער תנא מא״ד, איז געלד, ער האָט געלד, ווייל מאד איז ממון זאָגען די חז״ל, מאד מאד, דו ביזט אַ גרויסער גביר, מאד מאַכט „מימינו אש דת״, ער קען לערנען אויך. מאד מאַכט אויך אין ר״ת „משכיל אל דל״ — אז דו האָסט אַפילו אַלע דריי זאַכען „הוי שפל רוח״ זיי נידעריג, זיי ניט קיין בעל גאוה, ודו״ק.

חברה קדישא

הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם.

ווער עס וויל ניט שטאַרבען מיט דעם נאַטור טויט, און ער וויל ניט וואַרטען ביז דער טויט וועט קומען, ער וויל עס פריהער. ווער עס וויל ניט האָבען די חברה קדישא פון זיין שוהל, קען ער באַווייזען. ער קען האָבען אייגענע „חברה קדישא״, איין אייגענעם טויט. „הקנאה״ איין חברה קדישא מאַן, און אַ גוטען מיטעל צו אַ שנעלען טויט, „התאוה״ דער צווייטער חברה קדישא מאַן, און דער צווייטער מיטעל צום שנעלען טויט, „והכבוד״ איז דער דריטער. ער זוכט כבוד און

ער קריגט ניט. זיי אלע דריי, „מוציאין את האדם מן העולם", איינער האַלט איהם פאַר'ן קאָפּ, דער צווייטער פאַר די פיס, דער דריטער באַגראָבט איהם.

רב, דרשן, פאָטער, מוטער, ווייסט עס

בעשרה מאמרות נברא העולם וכו'.

דרשן, רב, מטיף, מגיד, טאַטע, מאַמע, פרינציפּאַל, טיטשער, זאָג און רייד צו דיינע, וועלכע דו דאַרפסט פיהרען אויף דעם דרך הישר, אַז דו זאָגסט און עס העלפט ניט. זאָג נאָך אַ מאָהל, אַ דריטען מאָהל, אַ פערטען מאָהל, און זאָ ווייטער. סטאָפּ ניט זאָגען. גאָט האָט געקענט באַשאַפען די וועלט מיט איין זאָג, און ער האָט באַשאַפען מיט צעהען זאָג, צו ווייזען דעם מענשען, אַז אַ וועלט קען ניט עקזיסטירען מיט איין זאָג. יענער פאַרגעסט, יענער האָט ניט גוט געהערט, אַלזאָ, מיט איין זאָג קען ניט העלפען, מוז מען ווייטער זאָגען, נאָר זאָגען, און זאָגען. „בעשרה מאמרות נברא העולם", ווען עס העלפט ניט מיט איין זאָגעכץ, אָדער צוויי און דריי אָדער פיר, איז „בעשרה מאמרות", וועט יאָ העלפען, נאָר זאָג מיין טייערער, זשאַלעווע ניט, ווער ניט ברוגז. נאָר זאָג ווידער. זאָג און זאָג.

מזיקין ווערען באַשאַפען

ויש אומרים אף המזיקין..

די מזיקין זיינען באַשאַפען געוואָרען ערב שבת פאַר נאַכט שוין שפּעטליך. מיינע טייערע. מן הסתם האָט איהר עס

בייגעװאױנט, ביי די פרומע, װאָס היטען שבת, ניט װילענ־ דיג פאַרמאַכען זיי שפּעטליך פרייטאָג די ביזנעס, דאָס זיי קענען אָפּט ניט געהן אין שוהל. אַפילו אין רוסלאַנד, פלעגט עס אויך טרעפען. װײל — ער זיצט אַ גאַנצען טאָג אין ביזנעס, און לייזט ניט אַ סענט, נאָר פרייטאָג פאַר נאַכט, אַזוי װי פון הימעל פלעגט זיך אַראָפּ לאָזען פּלוצלונג, מען געהט שוין צו מאַכען די סטאָר, קומען אַריין פיער מוזשיקעס, און זיי נעהמען געבען צו לייזען. אל תקרא מזיקין אלא מוזיקעס, װערען בעשאַפען פרייטאָג פאַר נאַכט.

ניט אַרום לויפען אין דאַװענען

עומדים צפופים ומשתחוים רווחים.

איינער פון די נסים אין בית המקדש איז געװען, מען איז געשטאַנען געפּרעסט, געבוקט האָט זיך יעדער ברייטלעך. פיער איילען האָט יעדער פּלאַץ געהאַט, איז דאָס טאַקע אַ נס אָבער װאָרום האָט גאָט ניט געמאַכט אַז מען זאָל שטעהען אויך רווחים? װײל צו שטעהן צפופים איז אן אָפּקומעניש? װאָלט געװען נאָך אַ נס, טאָמער װעט איינער זאָגען, מען װאָלט ניט דערקענט דעם נס, פון עומדים רווחים, ניין, דאָס װאָלט קיינער געקענט זאָגען, װײל מען האָט גוט געװאוסט, אַז דער פּלאַץ איז קליין נאָר פאַר אַ פּאָר טויזענט מענשען. איצט זיינען אַריין צעהנדליגע טויזענדער, אָט אַזוי איז דער נס בולט. מען זאָל שטעהען ניט פיער איילען רווחים, נאָר אַביסעל, אָט איז איין נס, און ביים בוקען זיך, װערט ד׳ אמות, אָט איז דער צװייטער נס .

דער תירוץ איז גאָר פּשוט. אונזערע ברידערלעך גלייכען אַרום צו געהן אין דאַװענען. װען מען װאָלט זיי געגעבען

שטעהען ברייטלעך, וואָלטען זיי אַרום געלאָפען. און גאָט האָט עס ניט געוואָלט, דאַרום איז געווען „עומדים צפופים" און דער נס נאָר ביי ומשתחוים רווחים...

אַנציהען פיעל ביזנעס טויג ניט

ולא כל המרבה בסחורה מחכים.

איינער האָט געהאַט אַ באַרעל וויין, און ווען ער האָט געדאַרפט האָט ער אויף געדרעהט דעם קראַן, און גענומען וויין. און ווען ער האָט געוואָלט אַרוים לאָזען דעם וויין, איז דורכ'ן קראַן, אין דרייסיג מינוט אַרוים דער גאַנצער וויין.

באַזינט ער זיך, און שטעלט אריין נאָך אַ קראַן, און זאָגט אַז דורך איין קראַן געהט אַרוים דרייסיג גאַלאָן, אַז איך האָב צוויי קראַנען, וועט אַרוים געהן זעכציג גאַלאָן. אָבער ליידער, עס איז נאָר ארוים דרייסיג, נאָר גיכער, ווי דורך איין קראַן.

מיין טייערער, דו האָסט איין סטאָר, און מאַכסט אַ מי־טעלען לעבען, זוך ניט נאָך אײנע, דו זאָלסט מאַכען דאָפּעלט. אַז דו דאַרפסט ניט האָבען וועסטו ניט האָבען. עס קען נאָך ערגער זיין. עס קען נאָך זיין אַז פון ביידע קראַנען, וועט זיך גיכער אוים גיסען די ביזנעס, און ביידע קראַנען וועלען ניט האָבען קיין ביזנעס, „ולא כל המרבה בסחורה מחכים", ניט אַלע, וואָס מעהרען סחורה און נאָך אַ סטאָר גליקט עס איהם. ניין, באַטראַכט גוט...

וועלכער רב קען מאַכען אַ לעבען?

כל הנהנה מדברי תורה נוטל חייו מן העולם.

אַמעריקא גיט ניט פולע חיונה אַ רב, צעהען טאָלער אַ וואָך, און ערלויבעניש אַפילו צו געהן אין די הייזער. נאָר אַ רב אַ גרויסער דרשן, און — „כל הנהנה מדברי תורה" מען האָט הנאה פון זיינע „דברי תורה", אמת די שוהל גיט איהם קליינע שכירות, נאָר ער דאַרף זיי ניט. „נוטל חייו", ער נעמט אַליין זיין פרנסה, צו מאַכען זיך אַ לעבען, ניט פון שוהל, נאָר מן העולם, פון דעם עולם, דאָס אַלעס, אַ ברית, אַ חתונה, אַ הספד, חנוך בית הכנסת, דער עולם זוכט איהם, און זיי באַצאָהלען איהם שוין ווי געהעריג איז, איהם פעלט שוין גאָר ניט. און אַזאַ רב, דאַרף מען טאַקע האָבען, אומעטום.

תורה האַלט ניט פאַר זיך

אם למדת תורה הרבה, אל תחזיק טובה לעצמך.

אויב דו האָסט געלערענט אַ סך תורה, געקוקט אין גוטע ספרים, דו האָסט גוטע אַנטיקען ביי זיך, האַלט עס ניט פאַר זיך, גיב איבער צו די מענשען. „אם למדת תורה הרבה", אַז דו האָסט אַ סך תורה געלערענט, און גוטע אַנטיקען האַלט ניט פאַר זיך אליין, אזוי ווי איך האָב געשריבען.

באַצאָהל וואָס דו ביזט שולדיג

על כרחך אתה נוצר, ועל כרחך אתה נולד, ועל כרחך אתה חי, ועל כרחך אתה מת, ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון.

זעהר אַ שעהנעם משל האָב איך געזעהען אין שיחת חולין של תלמידי חכמים. ווען אַ גענעראַל וועט זאָגען צו אַ סאָל־דאַט, ער איז אַ שניידער, און איהם זאָגען מאַך מיר אַ פּאָר שיך, און עס זאָל זיין גוט. פרעגט דער שניידער, ווי קען איך מאַכען שיך, אז איך בין גאָר אַ שניידער? זאָגט דער גענע־ראַל, מיט אַ געשריי, איך הייס! דער סאָלדאַט האָט איהם גע־מאַכט אַ פּאָר שיך, מען קען פאַרשטעהן די שטיקעל אַרבייט, וועלכע האָט קיין פּנים ניט געהאַט. איצט פרעגט זיך, קען דער גענעראַל מאָנען פאַר די שיך, אָדער באַשטראָפען דעם סאָלדאַט? יעדער רעכט דיינקענדיגער מענש וועט זאָגען אַז ניט, געוויס ניט.

איז דען דאָ ניט די זעלבע. איבער געוואָלד ווערסטו באַשאַפען, איבער געוואַלד געבאָרען, איבער געוואַלד לעב־סטו, איבער געוואַלד שטאַרבסטו, און אויב דו האָסט ניט אויפ־געטאָהן גוטעס אויף דער וועלט, טאָ וואָס דאַרפסטו אָב געבען דין און חשבון. קען מען דען מאָנען דין און חשבון פון דיר אַז מען האָט דיר געצוואונגען דערצו?

אַ גביר האָט געהאַט צוויי טעכטער, אוןביידע ניט געקענט חתונה מאַכען. איינע איז געווען אַ געפעהרליכע מיאוסקייט, אַ פאַרזעהעניש. די צווייטע — אַ געפעהרליכע שלעכטס. אַפילו ביי דעם ערשטען זעהען זיך מיט אַ מענשען, און דערלאַנגט אַ שטוהל צום זיצען, האָט זי געזאָגט, זיצט און הייבט זיך ניט אויף, א. אַ. וו.

אַ שדכן האָט פאָרגעלייגט אַ שידוך און געזאָגט צו איהם, ר׳ ישראל! פאַר ביידע טעכטער האָב איך חתנים. עס וועט

ניט זיין פאר אייער הארצען, אָבער קיין אַנדער וועג איז ניטאָ, איהר קענט מיט אַן אַנדער וועג ניט פאַרהייראַטען זיי. פאַר דער מיאוסקייט האָב איך אַ מאַן, וואָס איז בלינד, שוין קרוב צוואנציג יאָהר. פאַר דער שלעכטער אַ טויבען ווי די וואַנט.

דער גביר רעדט מיט זיין פרוי, עס וואָלט ראַטזאַם זיין פופציג טויזענט טאָלער און זיי האָבען געלעבט ניט שלעכט. אין אַ צייט שפּעטער איז אין שטאָדט אָנגעקומען אַ פּראָפעסאָר, וואָס מאַכט זעהענדיג, נאָר אַז ניט געבאָרען בלינד. דאָס זעלבע אַ טויבען און ער נעמט ניט קיין געלט. ווער עס קומט זיך קורירען, לייגט ער איין דריי הונדערט טאָלער, אַז מען ווערט געזונד באַצאָהלט מען איהם.

דער גביר רעדט מיט זיין פרוי, עס וואָלט ראַטזאַם זיין מען זאָל ביידע איידעמס הייסען געהן צום פּראָפעסאָר. זיי האָבען זיך איינגעלעבט, און האָבען קינדערלעך. עס וועט זיין גוט. געווים האָבען ביידע מסכים געווען און האָבען איינ־געלייגט ביידע צו דריי הונדערטער.

דער בלינדער האָט אָנגעהויבען ביסלעך צו זעהען. ער האָט דערזעהען זיין פאַרזעהעניש, פינסטער איז איהם גע־וואָרען. דער טויבער האָט אָנגעהויבען צו הערען, ביטער איז איהם געוואָרען... זיי האָבען באַשלאָסען ניט אַרוים צו געבען די געלט, ווייל ער האָט זיי נאָך ערגער געמאַכט.

דער דאָקטאָר האָט זיי גערופען ביי דין תורה און זיי האָבען זייער טענה, דאָס ער האָט זיי ערגער געמאַכט. דער רב האָט זיין פסק דין אַרוים געגעבען, דאָס אייער טענה איז אַ ריכטיגע טענה, אָבער דאָס ווייסט נאָר השי״ת, אויב דאָס איז ריכטיג, זאָגען זאָגט איהר אַזוי — אַלזאָ, זייט ווילען, אַז דער דאָקטאָר קען געווים, מאַכען צוריק, ווי עס איז אייך געוועזען בעפאָר איהר זייט געזונד געוואָרען, זייט איהר צו פריעדען, ווערען ווי איהר זייט געוועזען? ער זאָל אייך מאַכען צוריק ווי איהר זייט געוועזען, איז אַ בעוויי, אַז אייך איז טאַקע ערגער, דאַרפט איהר ניט צאָהלען... דאָקטער,

נעמט זיך צו דער אַרבייט, און מאַכט זיי צוריק ווי זיי זיינען געוועזען.

האָבען זיי ביידע אויסגעשריען, ניין, ניין! איך וויל ניט ווערען צוריק בלינד. איך וויל ניט ווערען צוריק טויב. האָט דער רב געזאָגט, טאָ באַצאָהלט קינדער, אָבער גלייך...

דאָס זעלבע מיט דעם מענשען. אמת טאַקע, אַז דו מענש ביזט געוועזען ניט צופריעדען באַשאַפען צו ווערען. „בעל כרחך אתה נוצר,” דו האָסט טאַקע ניט געוואָלט באַשאַפען ווערען, מען האָט דיר געצוואונגען. אמת „בעל כרחך אתה נולד”, אמת, „ועל כרחך אתה חי”, לעבען לעבסטו אויך איבער געוואַלד, דו מאַטערסט זיך און דו זאָגסט „על כרחך אתה חי” — אויף אַזאַ אַרט אַז אַלעס איז געוועזען געצוואונגען, ביזטו גערעכט, וואָרום דאַרפסטו אָבגעבען דין און חשבון, דו גע־ווינסט, אָבער זעה מיין טייערער, אַז דו ווערסט נאָר קראַנק, דיר דוכט זיך, אַז דו געהסט שטאַרבען, שיקסטו בעטען מען זאָל פאַר דיר תהלים זאָגען, און רופען פראָפעסאָרען, דו זוכסט אַלע מיטלען, און ווילסט ניט ווערען ווי דו ביזט פריהער געוועזען אַז ווי באַלד „על כרחך אתה מת”, אַז שטאַרבען איז אויך איבער געוואַלד, דאַן איז געוויס על כרחך אתה עתיד לתין דין וחשבון... טאָ באַצאָהל.

די דיימאָנטען זוך

בן בג בג אומר הפוך בה והפוך בה דכולה בה.

אַ רייכער מאַן האָט ביי זיין לעבען, זיין פאַרמעגען צו טהיילט, איינעם הייזער, איינעם פעלדער, א. אַ. וו. זיין ליעבלינג קינד, האָט ער אַ שייער ווייץ געגעבען. דער ליעב־לינג איז ניט געוועזען צופריעדען. דער פאָטער האָט עם באַ־מערקט, דאָס ער איז גאָר ניט צופריעדען.

מיין קינד, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו וועסט ניט זיין צופריעדען, וועל איך דיר זאָגען, אין די ווייץ איז אַריינגע־פאַלען אַ פּאָר טייערע גרויסע דיימאַנטען. אַ גרויסער פאַר־מעגען, זאָלסטו פאַרזיכטיג זיפען די ווייץ, מיט ענערגיע, מיט שכל, ביז דו מוזט דעם פאַרמעגען געפינען.

דאָס זעלבע הקב״ה האָט איינגעטהיילט זיינע קינדער אַ פערמעגען. איינעם פעלדער, איינעם וועלדער, א.ד. גל., און אונז, זיין ליעבלינג, האָט ער געגעבען די ווייץ (חלב חטים ישביעך), דאָס איז די תורה, דאָרט איז דיימאַנטען, ברי־ליאַנטען, זוך נאָר, „הפך בה״, „והפך בה דכולה בה״, ודו״ק.

אַ בשותפות׳דיגע גוי׳אישקייט

אַ פּאַריץ האָט געוואָלט דאָס זיין אַרענדאַר זאָל זיך שמד׳ן כאָטש אַ האַלבער גוי ווערען. דער איד האָט איהם גע־ענטפערט:

איך האָב מיט מיכאַיל׳ן געמאַכט שותפות אין קריסטליכען גלויבען. אַז יעזוס איז געבוירען גלויב איך (?), אַז ער איז אַן אַ פאָטער געבוירען גלויבט ער; אַז ער איז געשטאָרבען גלויב איך, אַז ער איז דעם דריטען טאָג געפלויגען אין הימעל גלויבט ער; אַז ער האָט דריי הונדערט תלמידים מיט איין לעבעל ברויט געשפייזט, גלויב איך, און אַז זיי זיינען זאַט געוואָרען גלויבט ער...